STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04157

A SHMUES MITN HARTS

Leib Rubinlicht

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל י י ב   ר ו ב י נ ל י כ ט

אַ שמועס מיטן האַרץ

Mr. Leon Rubinlicht,
38 Bizaron, Apt. 4,
Tel-Aviv, 67-894,
ISRAEL.



לייב רובינליכט

אַ שמועס מיטן האַרץ
ל י ד ע ר

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

געדרוקט אין ישראל

תל־אביב, תשל"ה — 1975

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481

לייב רובינליכט

א שמועס מיטן הארץ

לידער

תל־אביב תשל"ה — 1975

אינהאַלט

יום־כיפור 11
זינט זיי זענען אומגעקומען 12
שמע קולנו! 13
גאָט פון נישט געטלעכער נקמה 15
אַ שמועס מיטן האַרץ 16
איך וויל זיך נאַרן 18
די נישט פאַרדינטע שטראָף 20
דיין ברענענדיקער קבר 21
שניי אין אוישוויץ 22
חרובע וואַרשעווער גאַסן 23
די פאָרכטיקע טעג אין אַמאָליקן וואַרשע . . 24
די אָטוואָצקער וועלדער 26
לאָטעס 27
מיין ליד איז טראָער 31
קומט! נאָר ברענגט מיט זיך אַ טרער 32
ביים קבר 34
צי קען מען און מעג 36
דאָס האָט איר 37
אין יענעם ערב יום־כיפור 38
איז דאָס דיין צדק 39
אויגן 41
אורלויב פון אַ זעלנער 42
✡ 44
✡ 49
בענקעניש 50
אַ תפילה 52
נעכטן 54
כ׳קלער נישט מיט דיר זיך בייטן 55
פאַספאָרט און שפיגל 56
מיט יונגע חלומות 58
קינדער־יאָרן 59
עבר 61
כנרת מיינער 62

דער פויגל אין מיין גאָרטן 63
דאָס ליד פון משמר הגבול 64
היינט זענט איר, בלומען, מיין אין גאַנצן . . 65
שניי אין ירושלים 66
ירושלים 67
דער בוים אין מיין גאָרטן 69
רעגן 70
איך וועל דיך וואַלד, קיינמאָל נישט פאַרגעסן . 71
אַ קינדער שפּיל 73
באַלאַדע וועגן פאַרלוירענעם ליד 75
ווען חלומות שטאַרבן 76
גלויב נישט 77
זיך נישט פאַרשטאַנען 78
פון מיין מאַמעס מעשהלעך 80
✡ 89
מאַדאָנע 90
✡ 91
ווען אַ מאָל 92
✡ 93
איך ווייס, אַז דו ווייסט 94
✡ 95
✡ 96
✡ 97
✡ 98
נישט מיט ווערטער, נאָר מיט שווייגן . . . 99
ווּ ביסטו 100
בלויער חלום 101
קאָעקזיסטענץ ? 105
די מויז און די פלעדערמויז 109
אַ לעזער אַ בייזער צום דיכטער ר׳ לייזר . . 110
און גאָט האָט זיין פעלער פאַרראַכטן . . . 111
און אַז דער ווינטער איז פאַרביי 113
ווער איז גערעכט ? 115
אַ שמועס 117
גמילת חסדים 118
דער הונט און די טויב 120
דער בער און דער מיסיאָנער 121
דער סקאָרפּיאָן און די זשאַבע 123
דער אומגליקלעכער 126

מיין ליד איז טרער

יום כיפור

אין מיין טיפן אומעט און בענקעניש צו דיר
זע איך נאָך, טאַטע, די טרערן אין דיינע אויגן.
נאָך פיל איך דיין אָטעם ביי דער ברכה,
ווען איך האָב צו איר מיין קאָפּ געבויגן.

איך הער נאָך טאַטע דיין שטים די זיסע,
די טייערסטע שטים וואָס פאַר מיר געוועזן נאָר.
איך הער דיין ווונטש „אַ חתימה טובה,
און גאָט זאָל געבן דיר אַ גוט, געזונט יאָר״.

יום-כיפור.
נישט פאַר אונדז געוועזן דער טאָג איז פאַר מחילה.
נישט געהאָלפן האָבן, טאַטע, דיינע טרערן און דיין תפילה.
פאַר אונדז געהאַט האָט ער נאָר שרפה און אויך סקילה.

איך זע נאָך איצט, טאַטע, דיינע אויגן פול מיט אומעט.
איך הער נאָך איצט, ווי דו רופסט מיין נאָמען.
שווער צו גלייבן, אַז ביסט פון מיר אַוועק אויף תמיד,
כאָטש געזען איך האָב, טאַטע, ווי דו ביסט אומגעקומען.

זינט זיי זענען אומגעקומען

ווונדערשיין און ליכטיק ביסטו, לעבן,
נאָר ביי מיר פאַרלוירן האָסט דיין חן,
זינט אומגעבראַכט מען האָט זיי אַלע,
זינט געבליבן אין גאַנצן כ׳בין אַליין.

אויך דו זון, פון גאָט געבענטשטע,
וואָס שטראַלסט מיט פרייד און שיין,
דו וואַרעמסט מיין געמיט נישט מער,
זינט אָן זיי, געבליבן כ׳בין אַליין.

אַ לעבן אַרום מיר ברויזט און זשומעט,
מיט פרילינג, זומער, זון און בלומען,
נאָר פאַר מיר עס טראָגט דעם אומעט,
זינט מיינע אַלע זענען אומגעקומען.

שמע קולנו!

שמע קולנו! הער אוים גאָט און פאַרנעם!
מיר גייען, מיר גייען אויף קידוש השם,
אויב דיין באַגער איז ברענגען דיין עדה,
צו קרבן עקדה.

שמע קולנו! הער אוים אונדזער גאָט!
די, וועלכע ברעכן דיין לא תרצח-געבאָט,
מאָרדן און שענדן אונדזער גוף און נשמה,
נעם פאַר אונדז, גאָט, אין זיי די נקמה.

✡

צו ווייט ביסט אין די הימלען אַוועק פון דער ערד,
אַז האָסט עד היום זייער געבעט נישט דערהערט.
און אפשר איז דאָס, דיין געטלעך געוויסן,
וואָס מיר מענטשן, וועלן קיין מאָל באַנעמען,
אַז נאָר די, פון דיין גענאָד דאַרפן געניסן,
וואָס לעסטערן דיך און דיין נאָמען פאַרשעמען?

נאָר הער!
איך האָב געהערט דעם לעצטן זייער רוף,
איך האָב געזען די אכזריות פון דיין שטראָף,
איך, קען זייער „שמע" נישט פאַרגעסן.

איך וועל ביי דיר מאָנען, ביז צום דערעסן,
ביז איך וועל אָפּגעבן דיר מיין נשמה.
שמע קולנו! נעם, גאָט, אין די מערדער נקמה!

גאָט פון נישט געטלעכער נקמה

ביסט נישט קיין „אל מלא רחמים",
ווי אין תפילות מ'טוט דיך לויבן.
ביסט אויך נישט קיין „מלא צדק",
ווי מ'טוט ווען דיר גלויבן.

צווישן זעקס, אַ מיליאָן קינדערלעך געווען,
נשמהלעך, וואָס אַ זינד געווען זיי פרעמד.
איז ווו ביסטו, גאָט, מיט דיין צדק געווען,
ווען אומגעבראַכט זיי האָבן טמאימדיקע הענט ?

און ווען אפילו זיי האָבן אויך געזינדיקט
און פאַרדינט זיי האָבן אויף דיין שטראָף,
הייסט דאָס צדק, יושר און דאַצו מיט רחמים,
לאָזן אויסשעכטן, אויסקוילן זיי ווי שאָף ?

זענען מיר, קינדער פון אברהם,
געוואָרן דיר אַ פאָלק רשעים,
און צו שעכטן, האָסטו געפונען דינער
„צדיקים": דייטשן, לעטן, אוקראַינער ?

אַז ביסט מלא רחמים און צדק,
זאָלן בלייבן די, וואָס געבליבן פרומע.
אַ נוקם ונוטר ביסטו, גאָט.
אַ גאָט פון נישט געטלעכער נקמה.

אַ שמועס מיטן האַרץ

האַרץ מיינס, ביסט פון אייזן,
און אפשר ביסטו גאָר פון שטאָל,
אויב נאָך דעם ברויז-שטורעמדיקן בייזן,
נאָך דעם טומאהדיק-גיהנומדיקן גרויל,
ווען די נשמה בלוטיקט ווי אַ ווונד,
ביסטו געבליבן גאַנץ, קלאַפּסט און ביסט געזונט?

זאָג מיר, וויאַזוי איז דאָס געשען,
אַז נישט געבליבן, האַרץ, ביסט שטיין,
ווען האָסט געזען, ווי איך האָב געזען,
ס'מיזיניקלס קעפּל צעשמעטערט אויף אַ שטיין?

און ווי אַזוי איז אויך דאָס געשען,
אַז ביסט אין קראַמף נישט אויסגעגאַנגען,
ווען האָסט געזען, ווי איך האָב געזען,
ווי מיין בכור, זיי האָבן אויפגעהאָנגען?

ווי איז דאָס אויך מיט דיר געשען,
אַז ביסט גאַנץ און געזונט געבליבן,
ווען געשטיקט דורך טרערן האָבן מירביידע געזען,
דעם אַלטן טאַטן מיינעם איז גאַזקאַמער געטריבן?

און נאָך היינט, ווי אַ מאָל, מיט אַ רויִק געוויסן,
קלאַפּסט און ווערסט אויף שטיקער נישט צעריסן,

װען אין די קאַשמאַרע נעכט, אין אַ פֿיבער װײַסן,
װעקן גרױלן מיך אין אַ באָד פֿון קאַלטע שװײסן?

איז אפשר ביסט גאָר, האַרץ, אַ ליגן,
אײַנגעװיגט אין אַ ניגון,
דורך פּאָעטן, װעלכע מײנען,
אַז אַ האַרץ, קען לײדן, װײנען,
אַז אַ האַרץ קען רעדן, זאָגן,
שרײַען, יאָמערן און קלאָגן,
אַז אַ האַרץ װײטיקט, בלוטיקט,
פֿיבערט, שטאַרקט און מוטיקט?

װי אַ מאָל, דו קלאַפּסט און ביסט געזונט,
נאָר איך, איך טראָג דיך װי אַ װוּנד.
װײל דו מאַטערסט מיט דײַן זײַן,
װײל דו ביסט... אָבער װאָס,
האַרץ, ביסטו — צי ביסטו גאָר אַ שטײן?

איך וויל זיך נארן

געזען אַליין איך האָב מיט מײַנע אויגן,
ווי צווישן ברענענדיק־פֿאַלנדיקע ווענט,
מײַן מאַמע, ווי אַ פֿאַקל ווערט פֿאַרברענט
און מיט ברענענדיקע ציגל פֿאַרשאָטן.

עס טרעפֿט, אַז אין דער נאַכט איך קען נישט שלאָפֿן,
ליג איך אין דער פֿינצטער, די אויגן אָפֿן,
און רוף זי, ווי אַ מאָל, ווען געווען כ׳בין אַ קינד,
אַז זי זאָל קומען און אײַנוויגן מיך אויך אַצינד.

און מײַן מאַמע, ווי זי וואָלט דערהערן,
קומט, מיט איר ליבן שמייכל צו גיין.
זי גלעט מיר די האָר און טוט אַ קוש אין שטערן,
און ווי פֿאַרוויגט — אין שלאָף כ׳זינק אײַן.

נאָר באַלד, אין שלאָף דעם טיפֿסטן סאַמע,
איך דערזע אין חלום ווידער, ווי מײַן מאַמע,
צווישן ברענענדיקע ווענט, ווי אַ פֿאַקל ברענט,
רופֿט נאָך הילף, שטרעקט אויס די הענט,
נאָר איך שטיי געליימט: העלפֿן נישט געקענט.

כ׳וועק אויף פֿון שלאָף זיך, מיט אַ שולד געפֿיל,
ווי באַגאַנגען כ׳וואָלט אַ שווערע זינד

און זע אין פרימאָרגן־נעפּל־פאַרהיל,
ווי די מאַמע, אָן אַ שמייכל, טרויעריק פאַרשווינדט.

און ווען עס קומט אויף דער טאָג אַ נייער,
הייב איך אָן אויף ס'ניי זיך צו גענאַרן,
אַז אַ בייזער חלום איז געווען דאָס פייער,
אַז מיין מאַמע לעבט —
און איך אין איר שאָטן טו זיך שאַרן.

די נישט פאַרדינטע שטראָף

זעט אויס, ס'האָט דער גורל מיר געגעבן,
אַז איך זאָל נישט האָבן שוין קיין רו
ביז דעם לעצטן אָטעם פון מיין לעבן,
ביז קומען עס וועט מיין לעצטע שעה.

ווי קען איך רו אין מיין שלאָף געפונען,
אַז ווי נאָר איך שליס די אויגן־לעפּלעך,
הייבן אָן קאָשמאַרן גרויליקע צו שפּינען
בילדער פון צעשמעטערטע קינדער־קעפּלעך?

ווי קען איך דען מיין הונגער זעטן,
אַז יעדער ביס מיינער טוט מיך קרעקן,
ווען קינדער־הענטלעך, געטאָ־סקעלעטן,
הונגעריקע, צו מיין מויל זיך שטרעקן?

ווי קען איך אַ מאָל אַ פריילעכס זינגען,
אַז ווי נאָר איך הייב אָן זינגען לידער,
הער איך גלייך אין די אויערן קלינגען,
דעם יאָמער פון פאַרברענטע מיינע ברידער?

זעט אויס, פון גורל מיר באַשערט אַזאַ שטראָף,
און איך ווייס נישט, פאַר וועלכע מיינע זינד,
אַז נישט געענוג פאַרלירן כ'זאָל ווייב און קינד,
נאָר אויך קיין רו געפונען ביז מיין לעבנס סוף.

דיין ברענענדיקער קבר

ביי דעם הויז, ווו געוווינט האָסט, מאַמע,
בין איך אין יענעם בייזן טאָג געשטאַנען
און געזען, ווי דיין שטוב, גייט־אויף אין פלאַמען.

דיך האָב איך געזען אין די אָפענע פענצטער ראַמען
שטיין, צום הימל געהויבן האָסטוביידע הענט,
ווי צו אַ תפילה, און דיין גאַנצער גוף האָט געברענט,
ווי עס ברענט אַ העל־פלאַקערנדיקער פאַקל.

ס׳הויז, האָט אַ ברום געטאָן, געגעבן זיך אַ וואַקל
און צוזאַמען מיט די ברענענדיקע ווענט,
ביסט פאַרזינקען אין אַ ים פון שיפּענדיקע פונקען.

געליימט איך בין געשטאַנען ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד
און געקוקט ווי מיין לעבעדיקע מאַמע ווערט פאַרברענט.
כ׳טראָג אַ שולד, פאַר וואָס העלפן כ׳האָב איר נישט געקענט
און וואָס אין יענער רגע געוואָרן איך בין נישט בלינד.

✡

יאָרן מאַמע זענען אַוועק און ס׳באַגלייטן מיך כסדר,
יענע פאַלנדיקע ווענט און דיין ברענענדיקער קבר.

שניי אין אוישוויץ

געפאַלן איז אַ פּוכיקער שניי אין יענער נאַכט
און באַדעקט דעם אַרום מיט אַ ווייסן שלייער.
דורך פאַרקראַטעטע פענצטער, אין באַראַקן פאַרמאַכט,
מיר גאַפן אויף ווייסקייט, און אַפשיין פון פייער.

די אוישוויצער קוימענס, זיי שפייען מיט פלאַמען
אין די הימלישע ווייטן, אין דער נאַכטיקער שטילקייט.
עס מישן זיך רויט-ווייס-שנייִיקע פאַרבן צוזאַמען
און מיניען אין אַ פאַסטאַראַל-סימפאַניע פאַרהילטקייט.

אָט די סימפאָניע פון יענער ווינטערדיקער נאַכט,
ווען פלאַם פון קרעמאַטאָריע האָט אַ שותפות געמאַכט
מיט געשיקטער פון הימל ווייס שנייִיקער פּראַכט —
האָט, ווי אַ צולאָג צום פּלאָג דער אַשמדאַי פאַרטראַכט.

חרובע וואַרשעווער יידישע גאַסן

איך וואַנדער איבער די יידישע, וואַרשעווער גאַסן,
ווו טייער געווען איז מיר יעטוועדער הויז.
איך טרעט מיט פאַרכטיקייט, פאַמעלעך, געלאַסן,
איבער חורבות, וואָס געבליבן פון זיי עס איז בלויז.

איך טרעט איבער ציגל, הויפנס מויער און שטיין.
יעדן טראָט איך באַגלייט מיט טרער און געוויין.
ווייל אונטער די שפּליטער, אונטער די שטיינער,
באַגראָבן עס ליגן אויך מיין מאַמעס ביינער.

דערשלעפּט איך האָב זיך, צו מיין אַמאָליקן הויף
און געטראָפן דאָרט שטאַרצן, ביז צום הימל אַרויף,
אַ קוימען, ווי אַ האַנט, געשטרעקט אין דער הויך,
פאַרשרפעט, פאַרקוילט פון בראַנד און פון רויך.
אין דער לופט הענגט אַ שטילקייט, אַ פּחד, אַ שרעק.
אַ פויגל טוט אַ פלאַטער און פליט גלייך אַוועק.

און אָט ליגט אַ שילדל, מיט אַן אויפשריפט „גאַס מילע״.
אַ שולעכל דאָרט געווען, און מיין טאַטע — דער בעל-תפילה.
און נישט ווייט, די ניסקע, ווו געווען איז מיין חדר.
אַזוי טרעט איך און וואַנדער איבער חורבות-גאַסן כסדר.
ביז געקומען ס'איז די שעה פון מנחה, פון דער שקיעה.
נאָך די גאַסן כ'האָב געזאָגט קדיש, געריסן זיך קריעה.

די פאַרכטיקע טעג אין אַמאָליקן וואַרשע

יאָרצענדילקער עס זענען פון דעמאָלס אוועק,
ווי געלאָזט כ'האָב מיין היימשטאָט אין ווייטן,
און ביז איצט, איך קען נישט פאַרגעסן די טעג,
פון יענע גליקלעכע, יונגע זאָרגלאָזע צייטן.

איך זע נאָך די גאַסן פון וואַרשע, מיין שטאָט,
וואָס געווען און געבליבן זיי זענען מיר טייער,
ווי אלול-פאַרכטיקע טעג זיי איינגעהילט האָט,
אין פיאָלעטע וואָלן פון עצבות און טרויער.

איך פיל נאָך דעם ריח פון האַרבסטיקן וויאַנען,
וואָס ווי טערפקע פאַרפום, מאַכט שיכור ס'געמיט.
איך פיל ווי דאָס מילדע ווינטל שפּילט אויס,
אויף האַלב-נאַקעטע צווייגן אַן אָסיענדיק ליד.

איך זע אויך די גאַסן, די גערטנער און פּאַרקן,
מיט שטאַרבנדיקע געל-גאָלדיקע בלעטער באַדעקט,
וואָס לייגן זיך אָפּ צופוסנס פון די ביימער.
דעם קאַשטאַן, וואָס דעם אָרום מיט זיין ריח פאַרשמעקט.

די בענק נעמען פוסטעווען אין די ליידיקע אַלייען.
ס'פאַרשווינדן פאַרליבטע — אין צווייען, אין צווייען,
דער ווינט הייבט אָן בייטשן און טרייבט זיי אוועק.
פאַר דעם פוילישן האַרבסט ער מאַכט פריי דעם וועג.

באַגינען, ווען די זון שיינט אויף נאָך אַ בלאַסע,
צוזאַמען מיט די ווינטעלעך, וואָס נעמען זיך בלאָזן,
הערט מען אין די געסלעך פון טוי נאָך נאַסע,
קולות טרויעריקע און פון שופר דאָס בלאָזן.

פול מיט מתפללים ווערן שטיבלעך און שילן.
מען טראָגט מיט זיך סידורים, טליתים און תפילין.
אויך מיך פלעגט דער טאַטע מיט זיך נעמען אין שיל.
יענעם פאָרכטיקן ציטער איצט ווידער איך פיל.

די אַטוואַצקער וועלדער

מיטגענומען מיט זיך, כ׳האָב אייך, אַטוואַצקער וועלדער,
ווי יאָרן מיינע יונגע אין פרייד כ׳האָב פאַרבראַכט.
איך טראָג אייך אין זיך און איך קען נישט פאַרגעסן
אייער גרין־וואַלדיקן כישוף, דעם פאַרכאַפּנדיקן פּראַכט.

געמוזט איך האָב אייך, אַטוואַצקער וועלדער, פאַרלאָזן,
ווען ס׳האָבן זיך דאָרטן די בייזע ווינטן צעבלאָזן.
מיט זיך מיטגענומען כ׳האָב דעם דופט פון דער סאָסנע,
דעם סווישטש פון די פייגל און ריח פון וואַלדגראָזן.

געטראָגן כ׳האָב דאָס מיט זיך איבער וועגן און שטעגן.
איבער לענדער און איבער ימען, אין די ווייטן אַוועק.
ביז דערטראָגן איך האָב דאָס צו גאָר נייע ברעגן,
ווו צווישן פּאַלמעס און גערטנער כ׳לעב אויס מיינע טעג.

אין מיין דערמאָנונג דאָס אַלץ צעוואַרעמט מיין געמיט —
און אין בענקעניש צו אייך איך האָב געשריבן דאָס ליד.

לאַטעס

אונדזער ליבלינג מוסיען דייבעס

איך טראָג אויף מיין פּלייצע צוויי לאַטעס:
אין פּאַסן די לינקע, אין קראַטן די רעכטע.
יעדער פון זיי וועקט דמיונות,
בייזע זכרונות, מחשבות שלעכטע.

ווייל די לאַטעס אויף מיין פּלייצע
זענען פון קינדער-קליידלעך טיילן.
איינס האָט אַ ייִנגעלעס גופל געוואָרעמט,
ס'צווייטע — אַ מיידעלעס ברוסטל פאַרהוילן.

דאָס איז געווען אַ ייִנגעלעס פּיזשאַמקע,
און דאָס — אַ העמדל פון אַ מיידעלע אַ קליינע.
ער פלעגט שלאָפן אויף אַ קישן אַ ווייכן,
און זי — אונטער אַ זיידענע קאָלדרע אַ שיינע.

איבער דיין בעטל, ייִנגעלע קליינער,
פלעגט די מאַמע דעם קאָפּ אירן בויגן.
דיך, מיידעלע, פלעגט צערטלען דער טאַטע,
מיט פרייד און מיט גליק אין די אויגן.

מען האָט אייך געזונגען אַ וויגליד
און עס האָבן געפרייט אייערע חנדלעך.
מען האָט זיך געזאָרגט, אַז איר עסט נישט,
געפרייט, ווען געוואַקסן אייך ציינדלעך.

פון איבערן זאַק פלעגט קוקן די באָבע,
מיט אַ שמייכל אין די אויגן די באַנגע,
ווייל דאָס ערשטע מאָל ווי איר ליבלינג,
טוט אָן אַ פּאָר הויזן, דערוואַקסענע, לאַנגע.

☆

מען האָט פלוצלינג אייער שלאָף איבערגעריסן,
צעשטערט אייער חלום דעם ליבן.
ציטערדיקע אויף די הענט פון די מאַמעס,
אין ענגע וואַגאָנעס געטריבן.

געפּראַלט האָט איר די קינדערשע אויגן,
געשטוינט פון דעם פלוצלינגן פּאָרן,
געשטוינט פון די טרערן דער מאַמעס,
פון דעם זעלנערס פנים מיט צאָרן.

די מאַמעס, מיט ציטער און שרעק,
האָבן שטאַרקער צו זיך אייך געדריקט.
איר זענט אויף זייער שויס איינגעשלאָפן,
דורך דעם גערויש פון די רעדער געוויגט.

אוישוויץ! גענענדיקט דאָס פּאָרן.
אַוסשטייגען! הערויס! געשווינדער!
זיי גייען פּאַמעלעך, פאַרמאַטערט און מיד,
און דריקן נאָך שטאַרקער צו זיך זייערע קינדער.

פֿאַריאושט איז דאָס פּנים דער מאַמעס,
זי שטיקט אין האַלדז איר געוויין.
ווער וועט זיך מיט די קינדער פֿאַרנעמען,
ווען זיי בלייבן אין גאַנצן אַליין?

און פֿון ווייטנס עס זעען זיך קומענס.
גראָ-שוואַרצע, שמאָלע, ווי טורעמעס הויך.
זיי שפּייען פֿון זיך בלוט-רויטע פֿלאַמען,
מיט פֿאַרעיפּושדיקן, שוואַרץ-ברוינעם רויך.

געפֿרעגט האָט זי מיט ציטערדיקע ליפּן:
וואָס לייכט אַזוי העל דאָרט אַצינדער?
מען האָט איר געענטפֿערט אַזוי פּשוט:
דאָרט ברענט מען אין אויוון די קינדער.

זי שטייט טויט-בלאַס און דערשיטערט
און הערט נישט וואָס ס׳טוט זיך אַרום.
דאָס בלוט אין די אָדערן פֿאַרגליווערט,
די שרעק האָט איר צונג געמאַכט שטום.

די פֿינגער, פֿאַראַנקערט אין לייב פֿון די קינדער.
ניין! איך וועל פֿריער פֿאַרלירן מיין לעבן.
טוט וואָס איר ווילט, נאָר טוט דאָס מיט מיר,
איך וועל די קינדער פֿאַר פֿלאַמען נישט געבן!

די פויסטן, זיי האַמערן די ברוסט פון דעם תלין,
די ציינער, זיי בייסן די האַנט מיט דער שווערד.
אַ שטאָרג מיט דעם שטיוול, אַ צי מיט דעם מעסער —
טויט איז די מאַמע, זאָל איר לייכט זיין די ערד.

אויף איר טויטן קערפּער דעם קאַלטן
האָט עמעצער רויִק, פּאַמעלעך, געלאַסן,
אַרויפגעלייגט דעם יינגלם פּיזשאַמקע אין קראַטן
און דעם מיידעלעס העמדל אין פּאַסן.

מיין ליד איז טרער

מיין ליד פון אומעט איז געשפינען,
דערפאַר איז עס טרויעריק און שווער.
קיין שטראַל פון פרייד וועסט דאָרט נישט געפינען.
מיין ליד איז וויטאָג, מיין ליד איז טרער.

דעריבער, זוך קיין פרייד נישט דרינען,
נאָר דאָס געוויין זיינס, דאָרט דערהער.
דאָס זוכן פרייד דאָרט האָט קיין זינען,
ווייל כ'טראָג אין זיך קיין פרייד נישט מער.

קומט! נאַר ברענגט מיט זיך אַ טרער...

קומען מענטשן גוטע מיך צו טרייסטן,
ווען געפאַלן ס׳איז מיין זון אין פעלד.
זיי דערציילן וועגן זיין מוט דעם דרייסטן,
וועגן גבורות, געוועזן ער איז א העלד.

און עס ווייסט אַפילו פון זיי קיינער,
אַז אויף מיין הארץ זיי לייגן שטיינער.
אַז אָן מיין גיבור, אָן מיין העלד,
נישטאָ קיין טרייסט מיר אויף די וועלט.

קומען מענטשן א טרייסט מיר זאָגן,
אַז נאָך א העלד מען טאָר נישט קלאָגן.
אַז מאַמעס, וועלכע אזעלכע זון פארמאָגן,
דארפן שטאָלץ זייער ווייטיק טראָגן.

און עס ווייסט אַפילו פון זיי קיינער,
אַז ווי זיי טוען, ביז עס קריצן אַזש די ציינער.
ווי קען דען א מאַמע — גאָט דו מיינער!
נישט יאָמערן, ווען געווען ביי איר א זון נאָר איינער?

קומען מענטשן מיר מיין הארץ דערקוויקן,
מיט שיינע ווערטער, מיט פוסטע רייד,
אַז געשטראַלט עס האָבן זיינע לעצטע בליקן,
אַז אויפגענומען דעם טויט ער האָט מיט פרייד.

און קיינער פון זיי טוט נישט פאַרשטיין,
דאָס זיי מאַכן טיפער מיין געוויין.
אז מען קען נישט אַ מאַמעס האַרץ באַגליקן,
מיט שטראַלן פון איר קינדס גוטסדיקע בליקן.

טאָ קומט נישט טרייסטן מיט ווערטער מער.
קומט, נאָר ברענגט מיט זיך אַ טרער,
ווייל אַ טרער אַ מאָל קען מער דערציילן.
און אפשר אַ מאָל אויך אַ ווונד פאַרהיילן.

ביים קבר

נישט באַשערט געווען צוזאַמען
לאַנג אין לעבן מיט דיר צו שפּאַנען,
איינציקער זון מיין, יאיר.

נישט באַשערט געווען זיין צוזאַמען,
ווען אויפגעגאַנגען ביסט אין פלאַמען
פון דעם שונאס פייער.

נישט באַשערט געווען אויך זיין צוזאַמען,
און הערן דיין לעצטן אויספרוף „מאַמע",
דאָס לעצטע וואָרט,
ווען געפאַלן ביסט, „ערגעץ דאָרט".

אַ קינד געווען ביסט נעכטן נאָך,
ווי נאָר וואָס אָוועק פון מאַמעס ברוסט.
אַזוי חנעוודיק-שיין ביסט געוועזן דאָך,
פול מיט לאַכן, פרייד און לוסט.

נישט באַוויזן האָסטו צו וויסן,
ווי פון לעבן צו געניסן.
נישט פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט
דער באַטייט פון לעבנס-פרייד.

בײ דײַן קבר כ׳שטײ געבויגן,
און דורך טרערן אין די אויגן,
מיט װײטאָג און געװײן,
כ׳לײיען די װערטער אויף דעם שטײן:

י א י ר

געפאַלן װי אַ העלד אין פעלד.

צי קען מען און מעג...

צי קען מען און מען מעג קומען אַ שמייכל צו טאָן,
אין אַ פאַריתומטער שטוב, ווי ס׳איז געפאַלן אַ זון ?
ווי נאָך נעכטן געשפּראָצט האָט אַ יונג-שיינע בלום,
וואָס מיט זוניקן שמייכל האָט צעשיינט דעם אַרום ?

צי קען מען און מעג, מיט פרייד אין די אויגן,
קומען טרייסטן, ווען מען זיצט אין שבעה געבויגן,
נאָך דעם, ווי אַ טרייסט, געזאָלט אין לעבן זיי ווערן —
און געלאָזט זיי מיט אַ פאַרלאָשענעם הימל, אָן שטערן ?

צי קען מען און מען מעג קומען און מאַכן זיך לאַכן,
כאָטש ס׳ווייטיקט דאָס האַרץ, דערציילן פון זאַכן,
וואָס אויף דער וועלט, וואָס הערט מען ביי לייטן,
מיט דעם ווילן די אבלות ביי יענעם צעשטרייטן ?

מען קען, אָבער מען מעג נישט.

ווען קומסט, ברענג מיט זיך אין אויג דיינס אַ טרער
און שוויג,
ווי מען שווייגט, ווען אויפן האַרץ ס׳איז דיר שווער.

דאָס האָט איר...

דאָס האָט איר, פון אייערע גופים אויפגעשטעלט אַ וואַנט,
וואָס מיט בלוט געשיצט און באַשירעמט ס׳האָט דאָס לאַנד,
ווען דעם שונאס באַוואָפנטע, אויסגעשטרעקטע האַנט,
יום כיפור געשטורעמט האָט מיט פייער און בראַנד.

דאָס האָט איר, מיט אייער מסירת-נפשדיקן מוט
דעם שונא פאַרטריבן און מיט אייער בלוט,
פאַרלאָשן דאָס פייער, וואָס עס האָט באַדראָט,
דאָס לאַנד מיט אומקום, מיט אַ בלוטיקער באָד.

דאָס האָט איר אונדז דעם נצחון געשענקט.
געשיצט אונדז מיט אייער גופיקער מויער.
אָבער אייער גבורה האָט אבלות געברענגט
און געלאָזט אונדז אין אייביקן טרויער.

אין יענעם ערב יום־כיפּור

אַזוי פיל פרייד האָסט יענעם טאָג,
פאַרשאַפן מיר און אויך דער מאַמען,
ווען אומגעריכט, יאַירקע מיין זון,
אַהיים אויף יום־טוב ביסט געקומען,

צום פאַרפאַסטן און צו כל־נדרי,
אין שול מיט מיר, גיין צוזאַמען
און די ערב יום־כיפורדיקע ברכות,
פון טאַטע און מאַמע צו באַקומען.

אַך, ווי שטאָלץ איך בין געווען,
ווען אין שול איך האָב געזען,
אַלעמענס אויגן צו דיר געווענדט.
ווי שטייסט מיטן מחזור אין די הענט.

צי האָב איך דעמאָלט געקענט גאָר אַנען,
אַז דאָס איז דאָס לעצטע זיין צוזאַמען ?
אַז געשענקט מיר האָסט דיין לעצטן בליק ?
אַז קומען קיין מאָל וועסט אַהיים צוריק ?

נישט געהאָלפן האָט מיין ברכה און מיין תפילה,
אַז גאָט, פון געפאַרן דיין לעבן זאָל פאַרהיטן.
קוים באַווייזן אַהיימקומען פון שול נאָך נעילה,
דערוווּסט זיך, אַז דעם טויט האָסט נישט אויסגעמיטן.

איז דאָס דײַן צדק?

אין יענעם יום־כיפור, אין מיטן דער תפילה צו טאָן,
האָט מיט אַ „זאָרג נישט טאַטע", פאַרלאָזן מיך מיין זון.
ער איז פלוצעם, גערופן געוואָרן פון שול אומגעריכט,
צו גיין אין מלחמה צו זיין זעלנערישער פליכט.

איינגעהילט אין טלית און אין טיפן צער,
צו גאָט דעם אַלמעכטיקן, צום גרויסן האר.
געטאָן כ'האָב תפילה, מיט דבקות און טרערן,
געבעטן זיין גנאד, מיין געבעט אויסצוהערן.

גאָט, דו אַלמעכטיקער! דעם בן־יחיד, מיין קינד,
די שענסטע מתנה, וואָס דו האָסט מיר געגעבן,
היט אָפּ אויף זיין וועג, בלייבן ער זאָל לעבן.

ווען נאָך נעילה, פאַרענדיקט איך האָב די תפילה
און קוים וואָס באַוויזן אַהיים נאָר צו קומען,
די טרויעריקסטע בשורה איך האָב גלייך באַקומען,
אַז מיין זון, „ווי אַ העלד" איז געפאַלן אין פעלד.

זעט אויס, אַז גרויס איז געוועזן מיין זינד,
אַז די שטראָף באַצאָלן געדאַרפט האָט מיין קינד,
וואָס האָט נישט באַוויזן אַ זינד נאָך צו טראָגן.

און אויב געזינדיקט ער האָט טאַקע מיט וואָס,
איז דאָס דיין צדק, אַזאַ געטלעך־שטראָפיקע מאָס ?
באַוויליק, גאָט מיינער, מיר דאָס איצטער צו זאָגן.

אויגן

אויגן רויטע, פון נעכט נישט דערשלאָפּענע.
אויגן געשוואָלענע, מיט טרערן אָנגעלאָפּענע.
אויגן טרוקענע, אָן אַ טרער זיך צו באַווייזן,
מיט טיפֿע, שוואַרצע, אַרומגענומענע קרייזן.

אויגן פֿאַרצווייפֿלטע, וואָס קוקן און נישט זעען.
ווער ווייסט, וואָס מיט אים איז „דאָרט" געשעען?
פון טאַטעס-מאַמעס, ווערמענס טייערסטע זענען „דאָרט"
און נישט קיין בריוו, קיין גרוס, קיין וואָרט.

אויגן, וואָס פֿול געוואָרן איז זייער בליק,
מיט פריידיקן לאַכן, מיט פינקלענדיקן גליק,
וואָס שרייען: ער איז געזונט, גאַנץ, ער לעבט!

☆

נאָר אויף גליק פון איינעם,
אַ צווייטנס טרויער ס'שוועבט.
פון דעסטוועגן — אַ גרויס גליק:
וואָס פֿאַראַ גליק, אַז ער לעבט...

אורלויב פון אַ זעלנער

געקומען איז ער אויף אַ פּלוצעמדיקן שפּרונג,
פונעם שלאַכט-פעלד, דעם אכזריותדיק-בלוטיקן.
דער מאַן, דער טאַטע, ווי אַ קינד, אַליין יונג,
אין דער היים זיך דערוואַרעמען, דערמוטיקן.

צו פילן די וואַרעמע ליפּן פון דער פרוי,
פון צאַרטע קינדערישע הענטעלעך דעם גלעט —
צו זיי דאָס האַרץ געבענקט עס האָט אַזוי —
און שפּעטער איינשלאָפן, שלאָפן ביז צו זעט.

דאָס ערשטע מאָל, אין זיין ערשטער מלחמה,
אויף אַ טאָג אורלויב אַהיים נאָר געקומען.
מיד, פאַרשוויצט, פאַרשטויבט און אויף גיך,
אין וואַסער, זייפן-שוים, אַרומוואַשן זיך.

און מיט טאַטע-מאַמע אַ ביסל צעצערטלען זיך.
אַ נאַש טאָן עפּעס גוטס פון דער מאַמעס קיך.
פאַרגעסן, נישט געדענקען אין די קורצע שעהען,
די געפאַרן, וועלכע אים „דאָרטן" באַדראָען.

אָבער אויף שלאָפן נישטאָ שוין קיין צייט.
גרוסן געברענגט פון די קאַמפּס-חברה לייט,
פון חברים, פון זיין ווינוּנגס-קוואַרטאַל,
פאַר חברים פאַרוווּנדעטע אין שפּיטאָל.

דערציילן ? אַ זיפֿץ. געווען אַ ביסעלע שווער...
אַזוי זיך. דאָס אַלץ. קיין וואָרט שוין נישט מער.
אַ קוש : „זאָרגט נישט״ און אין אויג — אַ טרער.

☆

ער איז אוועק, נאָר נישט צוריקגעקומען מער...

✡

איך קום, ווי אַ מאָל, דער בערדיטשעווער געטאָן האָט —
שטעלן דיר שאלות, אַלמעכטיקער גאָט.
מען זאָגט, אַז אַ „אל רחום וחנון" ביסט דו,
טאָ זאָג, דיין לייטזעליקייט, געוועזן איז ווו.

ווען יידן אין שול צו דיר געטאָן האָבן תפילה,
געבעטן ביי דיר רחמים, דיין טרייסט, אַ נחמה,
האָסטו דווקא יום-כיפור, אין טאָג פון מחילה,
אָנגעשיקט זיי גאָר אַ בלוט-גרויליקע מלחמה?

מען זאָגט, מיר זענען דיין אויסגעוויילט פאָלק.
צו וואָס האָסטו און אויך מיר דאָס געדאַרפט?
צו דעם, אַז מיר זאָלן ווערן אייביק פאַרפאָלגט?
געיאָגט, געשאָכטן און אויף שייטערס פאַרשרפעט?

מען זאָגט, אַז צוגעזאָגט האָסטו אונדז צו געבן,
אַ לאַנד, ווו האָניק און מילך דאָרט טוט פליסן.
האָסט דו דעם האָניק אונדזערע שונאים געגעבן,
און זיי אונדזער בלוט אָן אָן אויפהער פאַרגיסן?

צי מיינסטו אויך ווייטער פרוּוון דיין עדה,
ווי אַ מאָל האָסט אברהמען געפרוּווט מיט עקידה,
און אנגיין ווייטער מיט דיין געטלעכן סדר,
אַז מיר זאָלן בלוטיקן און פירן מלחמות כסדר?

טאַ הער אַלמעכטיקער, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן:
גענוג האָבן מיר דיין פּרווו אויסגעטראָגן.
ווייס, אַז מיר האָבן אין אונדזער אייגענער האַנט,
גענומען דעם גורל פון אונדזער לעבן און לאַנד.

נישט הפקר וועט זיין אונדזערע קינדערס בלוט.
נישט לאָזן מיר וועלן זיך טרייבן און שלאָגן.
מיר וועלן שטאַלצע, מיט אייגענע כוחות און מוט,
צו פרייהייט און קיום אַליין זיך דערשלאָגן.

דער בוים
אין מײַן גאָרטן

☆

איך טראָג שוין אַ האַרב פון פאַרגאַנגענע יאָרן
און קוים אנציילן כ׳קען אַ פּאָר פריידיקע טעג.
כ׳קוק נישט אויף צוריק, אויף וואָס כ׳האָב פאַרלוירן,
כ׳שטיי כסדר ביים בראשית פון אַ הימל-בלויען וועג.

יאָרן נאָך יאָרן איבער דערנער-שטעגן געגאַנגען,
כ׳האָב געאָטעמט מיט סם, מיט פאַרפּעסטעטער לופט,
און דאָך שטענדיק געזוכט די זונען פאַרגאַנגען,
דעם שיר פון קאַיאָר, וואָס וועקט און וואָס רופט.

שווער זענען געווען פון יאוש די שעהען,
ווען געשטאַנען כ׳בין ביים ראַנד פונעם סוף.
געשטרעקט כ׳האָב די אָרעמס צום הימל אַרויף
און געפונען בטחון אין זיינע הימלישע בלויען.

אויך היינט, ווען מיין טראָט איז באַשווערט,
וויל איך נישט וויסן צי האָט דער גורל באַשערט
מיר יאָרן פון אומעט, צי גאָר אויך פריידיקע טעג.
כ׳שטיי ווייטער ביים בראשית פון זוניקן וועג,
כ׳שפּאַן ווייטער — ווי נעכטן, אַזוי אויכעט היינט,
אויף מיין וועג מיט בלאָ-גאָלדיקן הימל באַשיינט.

בענקעניש

זעט אויס, אַז אַלט געוואָרן כ׳בין אין יאָרן
און גרייטן זיך אין וועג, געקומען איז די צייט.
באַשנייט די האָר, שוואַך געוואָרן דער זכרון
און קוים דאָס אויג דערזעט וואָס פון דער ווייט.

איז דווקא איצט, ווען בליי אַריין איז אין מיינע ביינער
און שווער געוואָרן איז מיין טראָט און מיין באַוועג,
הייבט אָן די וועלט אַרום מיר, ווערן חנעוודיקער, שיינער,
און אַלץ אין מיר יוגנטלעכער, ווי אין די יוגנט-טעג.

איך אָטעם איצטער טיפער איין די דופטן פון די בלומען.
אַנדערש גאָר עס שמעקן די ריחות פונעם פעלד און וואַלד.
עס ווילט זיך מיטן לויף צום טייך און וואַלד אָנקומען,
אָבער כ׳מאַך צוויי טריט — און בלייב שטיין אַ מידער באַלד.

אָט איצטער ווערן מיר בלויער די בלויקייטן פון הימל
און ס׳רייסט זיך אויסשפרייטן די פליגלען צו אַ פלי.
נאָר כ׳בלייב איינגעליימט, ווי אין אַ חלומדיקן דרימל
און צו נישט עס ווערט מיין אָנשטרענג און מיין מי.

און דאָס אויג, ווי אויף להכעיס, מיט זיין שוואַכער ראיה,
דערזעט גלייך די שיינקייט פון גאָטס שענסטע בריאה.
און אַ גלוסט צינדט אָן מיין גוף מיט אַ יוגנט-ציטער,
נאָר כ׳בלייב פאַרגאַפּט, און ס׳האַרץ ווערט פול מיט ביטער.

אך! ווי ס׳ווילט זיך איצטער נאָך אַ שטיף טאָן כסדר,
ווי אַ מאָל, מיט די אַלע יינגלעריש-קונדסישע עברות.
איבער פּלויטן אַ שפּרינג טאָן צו שכנותדיקע סעדער
און רייסן האַלב נאָך גרינע און נישט רייפע פּירות.

און שבת נאָכן עסן, אַנשטאָט מעביר סדרה זיין,
צום טייכל לויפן, אונטערטינקען זיך אין וואַסער.
און אויך דעם טאַטנס האַרבע פּעטש באַקומען,
ווען איך שטיי פאַר אים אַ נאַסער און אַ בלאַסער.

אַ בענקעניש אַזאַ באַפאַלט מיך, נאָך דעם אַלעם וואָס געווען
ווען די האָר שוין גראָ און קוים אויף די פיס איך גיי.
טרויעריק-שווער עס קומט מיר אוים דעם סוף צו זען,
ווען ס׳רייסט זיך ס׳האַרץ, אָנהייבן אַ לעבן פון דאָס ניי.

אַ תפילה

מיין לעבן, דאָס גאַנצע,
כ׳האָב אין די הימלען געשוועבט
און געבויט דאָרט פּאַלאַצן
פון גינגאָלד און ביין.

געוווּסט כ׳האָב, אַז מיין וועלטל,
איז פון שפּינוועב געוועבט,
אַז צו נאַר כ׳האָב געמאַכט
זיך נאָר אַליין.

און דאָך, פון די הימלען
מיינע דאָרט אויבן,
גענערט און געשעפּט
כ׳האָב דעם גלויבן,
אַז דאָס ערדישע גרויע
לעבן אָט דאָ,
באַזוניקט קען ווערן,
מיט הימלישן בלאָ.

זייט ווען מיין מחשבה
איז צייטיק געוואָרן,
געזוכט כ׳האָב מיין וועלטל
אין חלומות פאַרשפּינען.
און געוווּסט כ׳האָב געננוי

דורך אַלע מיינע יאָרן,
אַז אַ חלום האָט קיין אַנלען
און ווערט לסוף צערינען.

און דאָך, איז מיין
חלומות-געשפּין
געווען מיר אין לעבן,
אַ גאַר גרויס געווין,
און אַלץ וואָס געזען כ׳האָב
אויף דעם ערדל, אָט דאָ,
דורך מיין חלום פאַרלוירן
האָט זיין ערדישן גראָ.

און אַ תפילה איך טו,
אויב ס׳וועט זיין מיר באַשערט,
דורך אַ גילגול צו קומען,
אַ צווייט מאָל אויף דער ערד,
די פאַרדאַרבענע, גרויע,
די באַדעקטע מיט שימל,
דאָס לעבן כ׳זאָל קענען,
מיט חלום, מיט הימל.

ווייל דאָרטן, צווישן זיי,
ס׳ווערט לייכט מיין געמיט
און פריידיק און הילכיק,
כ׳זינג אויס מיר מיין ליד.

נעכטן

דאַרפסט נישט קיין מאָל זיך באַקלאָגן,
אַז אַלץ פון נעכטן, געהערט צום שלעכטן.
דאַרפסט אויכעט נישט קיין מאָל זאָגן,
אַז דער היינט, איז בעסער פונעם נעכטן.

ווייל דער אמת, איז אַ גאַר פאַרקערטער.
וואָס ווייטער דער נעכטן ליגט פונעם היינט,
אַלס שיינער דיר און נאָענטער ווערט ער
און פון בענקעניש צו אים, דאָס האַרץ וויינט.

ווען מאַכסט דעם וועג צוריק צום נעכטן,
ווערן שוועבנדיקער, לייכטער דיינע טריט.
די פיס גרינגער, זיך הערן אויף צו פלעכטן,
און ווי מיט כישוף, וואַכט אויף ס'געמיט.

ווייטאָגן פאַרגעסן זיך, נישט מען פילט זיי מער.
מ'פאַרגעסט דעם היינט, וואָס איז אויכעט שווער.
די לופט ווערט לויטערער און דער אָטעם פרייער.
דאַריבער, בלייבט פונעם היינט, דער נעכטן מער,
אונדז ליבער און טאַקע אויכעט טייער.

כ׳קלער נישט מיט דיר זיך בייטן

דו ביסט פרילינג און איך בין האַרבסט,
צוויי פאַרשידענע קוואַרטאַל־צייטן.
שטאָלץ זיין מיט דיין שיינקייט דאַרפסט,
נאָר איך קלער נישט מיט דיר זיך בייטן.

דו ביסט זון און איך בין רעגן.
זון מיט האָפענונג באַגייסטערט.
אָבער רעגן ברענגט פאַרמעגן,
מיט דעם די וועלט באַשפייזט ער.

דיך רופט מען יוגנט און מיך עלטער.
יוגנט מיינט חן, פול מיט זונענשיין.
אָבער די עלטער איז ווי אין קעלטער,
איינגעקעלטערטער אַלט־זיסער וויין.

דו ביסט פרישקייט, צניעותדיקע ריינקייט.
מיט דעם שטאַרק נעמסט אוים ביי לייטן.
איך טראָג מיט זיך אָסיענדיקע שיינקייט.
און קלער נישט מיט דיר זיך צו בייטן.

פּאַספּאָרט און שפּיגל

איך נעם אין האַנט, מיין פּאַספּאָרט,
קוק אַריין און ווער פאַרוווּנדערט.
ווייל געשריבן ס'איז בפירוש דאָרט:
געבוירן אין ניינצנטן יאָרהונדערט.

גיי איך צום שפּיגל און קוק אַריין
און כ'דערזע דאָרטן פאַר מיר שטיין
אַ ייד, כ'לעבן אַ גבר, אָן אַ עין־הרע,
מיט אַ אויסזען, פון אַ פופציק יאָר.
נאָר מיט אַ איין־און־איינציקע צרה:
דער קאָפּ איז גראָ, שניי־ווייסע האָר.

רעד איך צום שפּיגל, ס'הייסט צו זיך אַליין:
רעב לייבל, זע נאָר, קוק נאָר גוט זיך איין
און זאָג דעם אמת מיר, פאַרהויל קיין וואָרט,
גערעכט איז דער שפּיגל, צי גאָר דער פּאַספּאָרט?

און כ'מוז אייך זאָגן, אז כ'האָב אָנגעהויבן,
אויף אַ אמת דעם שפּיגל מיינעם צו גלויבן,
און אָנגעהויבן אַ ביסל אויך צו מעדיטירן,
אַז נישט שטענדיק גלויבן מען מוז פּאַפּירן.

אַז געשען ס'האָט געקענט אַ מאָל אַ טעות,
אַז אויף מעסטן עלטער, איז נישטאָ קיין מאָס,

אַז עלטער מעסט מען נישט מיט קיין יאָרן,
נאָר מיט זקנה, צי ביסטו אַלט באמת געוואָרן.

אַזוי לאַנג מיט קלאָרקייט ס׳אַרבעט דער מוח,
ווי לאַנג עס שפּרודלט אין דיר נאָך דער כּוח,
ביסט דו יונג און קלער נישט פון אַלט זיין,
ווייל יונג איז דער, וואָס טרינקט פון אַלט-ווייַן.

מיט יונגע חלומות

ס׳טרעפט, אז אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
עס שלאָפט זיך נישט, ליג איך מיר און טראַכט,
אז קומען אַ מאָל וועט דער, ווער ס׳קומען דאַרף,
מיט זיין חלף, אָדער מיט אַ קאָסע, לאַנג און שאַרף
און זאָגן צו מיר, אפשר אויך מיט זיסע רייד:
ר׳ לייבל, אויך אויף דיר געקומען איז די צייט.

אָבער גלייך, אין אַ טיפן שלאָף איך זינק איין
און מיין וועלט אַ חלום ווערט אין גאַנצן.
ווי אַ מאָל האַלב ניכטער, נאָכן טרינקען וויין,
פאַרשיכורט כ׳ווער און ווידער וויל איך טאַנצן.

און ווען פון אָט דעם חלום כ׳וועק זיך אויף,
אַ פאַרשיכורטער, נאָך פון טאַנץ אַ מידער —
צום הימל כ׳שטרעק די הענט מיט פרייד אַרויף,
אַז מיט חלומות יונגע איך קען לעבן ווידער.

קינדער־יאָרן

קינדער־יאָרן, שיינע קינדער־יאָרן,
וויפל שיינקייט איז נאָך אייך פאַרבליבן.
איינגעקריצט האָט איר זיך אין מיין זכרון,
ווי אַ טאָגבוך האָט איר זיך דאָרט פאַרשריבן.

איך זע איצט נאָך דעם פאַלנדיקן שניי,
וואָס מיט זיין ווייסקייט האָט באַדעקט די וועלט,
און איך, אַ באָרוועסער, אָן שיך, אין שניי־זאַווייי
כ׳דרעפטשע, און פון גליק כ׳פיל נישט קיין קעלט.

ביז היינט איך פיל נאָך אַלץ דעם פרילינג־דופט,
וואָס האָט געטראָגן זיך פון וואַלד אַרום.
די ריחות פונעם בעז, וואָס האָט אָנגעפילט די לופט,
און פון יאַסמין, וואָס ער היום ער רייצט מיין נאָז.

כ׳פיל נאָך דעם ציטער פון זיך פליעסקען אין דער ריקע,
פון באַהעלטעניש־שפיל אין דער אויפגייענדיקער גריקע,
פון געוועט, ווער ס׳וועט מערער, ווער וועט גיכער,
אָנרייסן די רויטע מאָנען פון די בלומען־טעפיכער,

און איבער פלויטן אַ שפרינג טאָן אַ שנעלן,
אין פרעמדע סעדער, פרות רייפע אָפצורייסן
און ביז צום בלוט, הענט און פיס צעקרעלן,
די הויזן אויף שטיק־שטיקלעך צו צעררייסן.

קינדער-יאָרן, איר זענט מיין גרעסט פאַרמעג!
און כאַטש שוין לאַנג ווי כ'בין פון אייך אַוועק.
און כ'בין נישט ווייט שוין צו דעם ברעג
זענט איר מיר נאָענטער, ווי די איצטיקע מיינע טעג.

ע ב ר

ווי שנעל עס לויפן די טעג.
זיי איילן, ווי אין אַ וועטגעיעג.
נאָר וואָס פון די קינדער-הייזעלעך כ׳בין אַרויס
און שוין אַ אוראייניקל כ׳טוליע אין מיין שויס.

און כאָטש זיי טראָגן זיך אַזוי האַסטיק שנעל,
און איך שטיי שוין נאָענט צו דער שוועל.
פריש און יונג אין מיין זכרון איז מיין עבר
און אַזעלכן מיטנעמען איך וועל אים אינעם קבר.

כנרת מיינער

מיין פריינט מרדכי האַמפּעל

איך האָב לאַנג געשפּאַנט דורך לאַנגע וועגן
און קוים־קוים דערלאַנגט צו דיר אַצינדער.
איך בין געקומען, ים כנרת, צו דיינע ברעגן,
צו זעטיקן מיין אויג מיט דיינע ווונדער.

כ׳נעם אויף דעם ברום פון דיינע כוואַליעס,
וואָס טראָגן ניגון פון אַ ברויזנדיקער תפילה.
עס זינגען־אויף וויגלידער מיין מאַמעס,
ווען כ׳הער דיינע וואַסער־פּליעסקן שטילע.

כ׳זאַפּ איין דיין פּראַכט מיט מיינע בליקן.
דו ביסט, ווי געוועזן, אַ חלום מיר אַ שיינער.
אַ טרער פון פרייד כ׳טו אין זיך דערשטיקן.
היינט געוואָרן ביסט, ים כנרת, אויכעט מיינער.

דער פויגל אין מיין גאָרטן

אַ פויגל האָט אויסגעבעט אַ נעסט אין מיין גאָרטן,
אויף איינעם פון די פּאָמעראַנצן־ביימער זיינע.
געלייגט דאָרט אייערלעך, אויסגעבריט זיי דאָרטן
און אויסגעפּיקט זיך האָבן פויגל־קינדער קליינע.

שעהען לאַנגע, נישט פאַרמאַטערט,
שווישטשעט אָפּ דער פויגל שירה.
ער קרייזט אַרום און פלאַטערט,
זאָגט אָן די וועלט זיין בשורה.

פון די גרויע מאָרגן־שעהען,
ביז די אָוונט־בלויע טונקלען,
איז דער פויגל נאָר פאַרטועז,
ברענגען שפּייז פון אַלע ווינקלען.

ברענגט ער ווערעם, ברענגט ער זאָמען,
שטיקלעך קרויט און פינגער קנאָבל.
אַ באַלאָדענער, ער טוט כסדר קומען,
קאָרמען זיי פון שנאָבל צו שנאָבל.

דורך די פענצטער זע איך די צערטלעריי —
אויך מיט מיר געווען איז אַזוי מסתמא.
אַ בענקעניש רייסט פון הארצן אַ געשריי,
און כ׳הער, ווי ס׳שעפּטשען מיינע ליפּן: מאַמע!

דאָס ליד פון משמר הגבול

דורך אונדז ווערן דיינע גרענעצן באַוואַכט
אויף מזרח, מערב, צפון, דרום.
עס שרעקט נישט די פינצטערניש פון נאַכט,
נישט רעגן, ווינטן, שטורעם.

געשווירן האָבן מיר היטן דיך געטריי,
שיצן אין אַ גרויליקדיקע שעה.
פאַרשיטן וועלן מיר מיט פייער און בליי,
דעם שונא, וואָס קומט שטערן דיין רו.

און אויב פאַרלאַנגען וועסט אונדזער לעבן,
וועלן מיר ביי קיינעם קיין רחמים בעטן.
מיט שטאָלץ און מוט מיר וועלן עס געבן —
אַ שונא, וועט קיין מאָל דיין ערד באַטרעטן.

היינט זענט איר, בלומען, מיין אין גאַנצן

נישט איין מאָל, ווי איך גיב אַ טראַכט:
ווי האָב איך נישט דערזען אייער פּראַכט,
ווי האָב איך נישט דערשמעקט אייער דופט,
מיט וועלכן אָנגעזאַפּט איר האָט די לופט?

ווען מיט פאַרבן געצויבערט איר האָט אַ וועלט,
ווען די ערד אין טעפּעכער איר האָט דראַפּירט,
האָט אין אמתן מיין אויג פון אייך געקוועלט,
נאָר ס׳האַרץ האָט אייך, בלומען, נישט דערשפּירט.

היינט, בלומען, האָט איר גאָר אַן אַנדער חן,
היינט דרינגט איר טיף אין מיר אַריין,
היינט, פיל איך אייך אין מיין האַרצן,
היינט זענט איר, בלומען, מיין אין גאַנצן.

היינט זענט איר מיט מיר איינס — צוזאַמען,
היינט איז אונדז די זעלביקע ערד — אַ מאַמע.

שנײ אין ירושלים

ירושלים! שטאָט מײַן אויסגעבענקטע!
צי זענען דען פּאַראַנען שײנקײטן
פון גאָט, דיר נאָך נישט געשענקטע?

אַז פון גאָלד ביסט און קופּער
דערצײלט װעגן דעם דאָס ליד,
װאָס אײַנגעזונגען זיך האָט
אין האַרץ פון יעטװעדן ייד.

אַז דו ביסט ירושלים מלא ניגון —
זינגען דײַן ליד דאָך אַלט און קינד.
דײַן ניגון טוט טראָגן און צװײגן
פון די יהודה בערג דער װינט.

אָבער איצטער האָסטו, ירושלים,
אַנטפּלעקט זיך מיר אויף ס'נײ.
װען דאָס ערשטע מאָל דערזען דיך
איך האָב — אַן אײַנגעהילטע אין שנײ.

געװען ביסט, װי אַ יונגע כלה,
אײַנגעהילט אין אַ װײַסן שלײער.
און איך האָב געגאַפּט, געװאָרן נתפּעל,
פון דײַן שײנקײט דער גאָר נײער.

ירושלים

שוין דעמאָלט, ווען געגאַנגען כ׳בין אין חדר,
ביסטו ירושלים, שוין מיין שטאָט געווען.
שוין דעמאָלט געחלומט כ׳האָב פון דיר כסדר
און ווי אויף דער וואָר איך האָב דיך געזען.

געקענט איך האָב דיך פון גאָר אַלטע צייטן,
געקענט אויך דעם בית המקדש, דעם צווייטן.
דו האָסט געשיינט מיר, ווי אַ ווייטער שטערן,
וואָס וועט קיין מאָל נישט פאַרלאָשן ווערן.

נישט איין מאָל איך פלעג זיך זעען שטיין,
ביי דער כותל-מערבי, דער גראָער וואַנט,
און מיט ערפאָרכט-פיבער און גליק-געוויין
טאַפּן די שטיינער מיט אַ ציטערנדיקער האַנט.

און אַ ווונטש געהאַט צום פאַלנדקין שטערן:
אַז עס זאָל דער גורל, מיר אַ מאָל נאָך געבן,
צו זען דעם אויפגאַנג דיינעם, שטאָט ירושלים,
און אויך דעם אויפגאַנג פון מיין נייעם לעבן.

און מיין חלום, היינט געוואָרן איז וואָר:
געקומען, ירושלים, כ׳בין צו דיר ערשט נאָר,

און מיט אַ האַרץ, אַן אָנגעפּילטס ביזן ראַנד,
כ׳שטיי, גלעט און קוש די מערבֿי־וואַנט,
כדי פון די שטיינער דערפילן און דערגיין
די טיפקייט און הויך פון מיין יידיש זיין.

און איצט, ירושלים, שטאָט מיין אויסגעבענקטע,
וואָס דיין פּראַכט איז פאַרכישופדיק־פאַרבלענדיק —
נעם אַריין מיך אין דיינע אָרעמס געבענטשטע
און זיי מיט מיר געבונדן שוין אויף שטענדיק.

דער בוים אין מיין גאָרטן

עס פרייט מיך צו קוקן אויף דיר אַצינדער
און זען, ווי נאָך די ווינטער רעגן-שלאַקסן,
האָסטו זיך פאַר מיינע אויגן, ווי אַ וווּנדער,
אין דער פרילינג-זון אַזוי שיין זיך צעוואַקסן.

נאַקעט, מיט דיין קרוין צו דער ערד געבויגן,
ביסט געשטאַנען, געשמיסן פון רעגן און ווינט.
די טראָפּנס, ווי טרערן פון וויינענדיקע אויגן,
זענען גערונען, ווי אַ פאַריתומט קינד.

פרייט מיך איצט קוקן, ווי האָסט זיך צעבליט,
ווי איבער נאַכט באַדעקט האָסטו זיך מיט צווייט.
ווי פאַרשווּונדן מיט אַ מאָל עס איז דיין אומעט
און דיין צווייט-פּאַרפום פאַרשיכורט די אַרומען.

דורך מיינע פענצטער, צוזאַמען מיט דיין בלי,
דער פרילינג אין מיין שטוב אריין איז געקומען.
פרייט מיין האַרץ זיך, ווען יעדער אין דער פרי,
איך זע, ווי דיין קרוין באַדעקט זיך מיט בלומען.

רעגן

עס גיסט אַן אויפהער דער רעגן:
ער גיסט און ווערט נישט מיד.
זיינע וואַסערן פאַרגיסן אַלע וועגן
און גיסן אַן מיט אומעט דאָס געמיט.

אַזאַ רעגנדיקער איז אונדזער ווינטער.
פול מיט דונער און פול מיט בליץ.
ער קומט פון הימל פּלוצעם אַרונטער,
נאָך אַ זומער, אַן אַנגעגליטן מיט היץ.

דערפאַר, ווען פאַרביי דער רעגן און די קעלט
און דער פרילינג צעזינגט זיך מיט זיינע טענער,
איז אַוודאי נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט,
אַ הימל-בלאָ, וואָס זאָל זיין פון אים נאָך שענער.

איך וועל דיך, וואַלד, קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

שוין אין די קינדער־יאָר־באַגינען,
ווען אין דער נאָענט ס׳פלעגט
אַ וואַלד זיך נאָר געפינען,
פלעגט אָנהייבן פיבערן מיין גוף.

דאָס פלעגט קומען צו מיר אַ רוף
פון וואַלד.

און אַזוי, אינעם גאַנצן מיינעם לעבן,
האָט דער וואַלד מיר פרייד געגעבן.
ער האָט מיר שטענדיק פרייד געטראָגן,
מיט שיינקייטן, וועלכע ר׳פלעגט פאַרמאָגן.

מיט זיינע קלאַנגען און געזאַנגען.
מיט איינדרימלען ביי זון־פאַרגאַנגען,
מיט זיין שעפּטשען, מיט זיין ברומען,
ווען שטורעם־ווינטן פלעגן קומען

און ברעכן זיינע ביימער־גלידער,
— בייגן די קרוינען ביז צום נידער,
מיט זיין צאָרענען ביים אויסגלייכן די צווייגן
מיט זיין אָנהייבן זיך צו וויגן
און ווידער צו שווייגן.

אויך מיך האָט אָנגעיאָגט אַ שטורעם-ווינט
און האָט מיך פון פוילן-לאַנד פאַרטריבן.
געלאָזט דאָרט קברים פון ווייב און קינד,
נאָר פון לאַנד איז מיר קיין זכר נישט פאַרבליבן.

אַחוץ אַ בענקעניש צום וואַלד צו דעם געדאַכטן,
וואָס הערט נישט אויף מיין האַרץ צו פרעסן —
צום וואַלד, פון וועלכן איך הער נישט אויף צו טראַכטן,
און איך וועל אַוודאי שוין קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

אַ קינדערשפּיל

איך קוק זיך צו אַ קינדערשפּיל
און איך ווער נתפּעל:
אַט שפּילט אַ קינד זיך פון בראַזיל
מיט אַ צווייטס — פון ישראל.

ווערט ביי דער שפּיל פריילעכער
אין שטום־לשון גערעדט.
טוט איינער אַ שטופּ דעם אַנדערן,
גיט יענער צוריק אַ גלעט.

טוט איינער אַ צי מיטן נעזעלע,
דער צווייטער אַ קרום, אַ ברום,
און שוין זיך פלעכטן הענטעלעך
און עס גייט אַ טאַנץ אַרום.

פּלוצלינג ווערן ביידע ערנסט —
און גלייך קומט אַ האַרציק לאַכן.
אַזוי גייט אָן אַ שפּיל אַ לאַנגע,
אָן ווערטער און אָן שפּראַכן.

ווער איך נתפּעל פון דעם וווּנדער:
ווי שנעל פאַרשטענדיקן זיך קינדער;
ווי לייכט איז זיי זיך צו פאַרשטיין,

ווען נאָך זיי זענען קינדער קליין —
און ווי נאָר זיי ווערן עלטער,
פרעמד זיי ווערן קלאָרע ווערטער.

באַלאַדע וועגן פאַרלוירענעם ליד

באַגינען, באַגינען, ווען נאָך דרימלען די המילען,
איז אַ ליד מיר צום חלום געקומען.
מיט קאָלירן באַצויגן, ווי פון רעגן דער בויגן,
נאָר פלוצלינג פאַרשוווּנדן, צעשווּמען.

דאָך האָבן ווערטער גאָר שטילע, אויסגעציטערט אַ תפילה,
געקומען דער פרימאָרגן איז פאַרכמורעט און מיד.
און ווי דער פאָעט, זינגט אוים אין סאָנעט,
כ׳האָב אין חלום זיך געקושט מיט אַ ליד.

און פאַרלוירענע קלאַנגען, זענען אויף ס׳ניי אויפגעגאַנגען,
איינחלומען זיך געוואָלט אין מיין צעוואָרעמט געמיט;
ביי מיין אַרבעט געבויגן, געקושט מיינע אויגן
מיטן אָטעם דעם לעצטן פון שוין פאַרלוירענעם ליד.

ווען חלומות שטאַרבן

װען דאָס לעבן װערט דיר גראָ,
פאַרלירט פאַר דיר זײַן זינען.
װען אין אַ פאַרצװײפלטדיקער שעה,
װילסט אַן אָנלען פאַר זיך געפינען,

שפּאַן אַװעק, װוּ הימלען זענען בלאָ און קלאָר,
שפּאַן אַװעק אַהין, װוּ דער חלום איז אַ װאָר.

װען עס קומט צו דיר װער
און װיל דעם חלום דיר באַשװערן.
װען עס קומט צו דיר אַ שטער,
װאָס װיל דײַן חלום דיר צעשטערן,

יאָג דעם שטער ביז צום פאַרטרײַבן,
װײַל אָן אַ הימל װעסט פאַרבלײַבן.

אָבער װען עס קומט אַ בײזע שעה,
פון װעלכע קענסט נישט אַנטרינען.
װען דײַן הימל, װערט װאָלקן-גראָ,
װען דײַן חלום װערט צערינען,

דעמאָלט גיב אַ שפּײַ און גײ אַװעק,
װײַל װען חלומות שטאַרבן,
געקומען איז דער סוף פון װעג.

גלויב נישט

גלויב נישט יעדנס וואָרט, וואָס איז לאַקרעץ־זים
און קלינגט שיין, ווי פון אַ גלעקל דער קלאַנג.
ווייל אַ וואָרט אַזאַ קען זיין אויבעט מיאוס
און טראָגן אין זיך סם פון אַ גיפטיקער שלאַנג.

גלויב נישט, אַז יעדער שמייכל דערציילט פון גליק,
אַז דער שמייכל באַגלייט אַ צעשמייכלט אויך האַרץ.
עס טרעפט, אַז דו זעסט אַ צעשמייכלטן בליק
און דאָס האַרץ איז געבליבן קאַלט און האַרט.

גלויב נישט די שטים, וואָס רעדט איידל און שטיל,
ביז זיכער ביסטו, אַז דער וואָס רעדט, איז איידל.
ווייל פּלוצעם קענסט דערהערן אַזאַ ביל,
ווי אַנגעטראָטן וואָלסט אויף זיין הינטישן ווײדל.

גלויב נישט דעם, וואָס קוקט נישט גלייך אין די אויגן,
וואָס ביים רעדן זיין בליק ער ווענדט צו דער ערד.
זיינע ווערטער מיט קאָלירן, ווי פון אַ רעגנבויגן,
זענען פאַלשע, זייער ווערט ער אַליין נאָר דערהערט.

אָבער גלויבן דאַרפסטו דיין חלום אויף דער וואָר,
ער, ווערט דיר, ווי אַ נביא, אין דיין לעבן באַגלייטן.
ווייל אַ חלום, ווען אפילו אַ מיראַזש ער איז נאָר,
זאָגט ער אָן די אחרית־הימימדיקע צייטן.

זיך נישט פאַרשטאַנען

ווען אַ יינגל איך בין נאָך געווען אַ קליינער,
איז דאָס גרעסטע געווען מיין פאַרגעניגן,
צו הערן מעשהלעך, פון דער מאַמען מיינער,
וואָס אויסזינגען זי פלעגט זיי מיט אַ ניגון.

מיינע חברים איך פלעג צונויפקלייבן צוזאַמען
און דערציילן, וואָס עס האָט דערציילט די מאַמע,
נאָר מיין דמיון, האָט דערביי זיך אַזוי צעברענט,
אַז די מאַמע האָט גאָרנישט איר מעשהלע דערקענט.

געהערט און געשטוינט האָט, מיין טייערע מאַמע
און זעט אויס ,נישט געקענט פאַרשטיין מן הסתמא,
ווי אַזוי אַ יינגל אין די קינדערשע יאָרן סאַמע,
געפלאָכטן האָט אַזוי קונציק אַ מעשה אין גראַמען.

נאָר דער טאַטע מיינער פלעגט פון מיינע גראַמען,
קיין הנאה האָבן און אויך נישט נתפעל ווערן
און ער פלעגט מיך אין די אויגן פון דער מאַמען,
האַלב-בייז, האַלב טאַטיש מוסרן נישט אויפהערן:

— די גראַמען-שטראַמען, קיין גראָשן ווערט זיי זענען.
גוט פאַר ליידיק-גייערס, וואָס אַרבעטן נישט קענען.
דער הימל, קינד מיינס, פאַר די איז נאָר באַשערט,
וואָס מיט פיס זיי שטייען זיכער אויף דער ערד.

איך האָב דעם טאַטנס ווערטער, נישט געקענט פאַרשטיין.
פאַר וואָס דאַרף איך זיכער אויף דער ערד דאָס שטיין?
פאַר וואָס נישט קענען זאָל איך, ווי די פייגל טוען,
אין די בלויע הימלען ווייט און פריי זיך פליִען?

פאַר וואָס נישט קענען זאָל איך אויך אַ מאָל ווערן,
אַ שיינענדיקע זון, אָדער אַ פינקעלדיקער שטערן,
און אַזוי ווי זיי, פון די הימלישע הייכן שיינען
און אין אַ וואָלקנדיקן טאָג מיט אַ רעגן וויינען?

און פאַר וואָס נישט קענען מיט דעם ווינט זיך יאָגן
און אויך ווי ער — צו ווייטע לענדער זיך דערשלאָגן?
און פאַר וואָס דעם טאַטע געפעלן נישט מיינע גראַמען,
ווען זיי געפינען חן אַזאַ שטאַרקן ביי דער מאַמען?

מיין טאַטע פעסט איז אויף דער ערד געשטאַנען
און מיין פליִען אין די הימלען נישט פאַרשטאַנען.

פון מיין מאַמעס מעשהלעך

כאָטש אַן אַלטער ייִד איך בין שוין,
ווי מען זאָגט דאָס: „רייך אין יאָרן",
דער קאָפּ איז גראָ, אַ זילבערקרוין —
דאָך פריש נאָך זענען אין זכרון,
יענע בין השמשותדיקע פאַרנאַכטן,
ווען נאָך דעם אָונטערברויט אָפּעסן,
פלעגט די מאַמע מעשהלעך צוטראַכטן —
שווער איז מיר זיי צו פאַרגעסן.

די מאַמע פלעגט זיך זעצן אויפן פּאָל,
אונטער זיך פאַרלייגט ביידע פיס,
און מיט אַ שעפּטשענדיקן קול
דערציילן, זינגענדיק אַ ניגון זיס.
און מיר, קינדער, צוועלף אין צאָל,
(מיידלעך אַכט און ייִנגלעך פיר)
פלעגן זיך אויסזעצן יעטוועדער מאָל,
אין אַ קראַנץ אַ רונדן אַרום איר.

און דערציילן פלעגט די מאַמע,
מעשהלעך אַ סך:
פון דער הגדה, צאינה־וראינה,
פון חומש און תנך.
וועגן מלכהם און מלכים,
געהאָנגענע און שרפים.

וועגן גיבורים און ריזן,
וואָס האָבן אַלע מאָל געזיגט.
וועגן פּרינצן און מאַרקיזן,
וואָס האָבן יתומהלעך געליבט.
בת־מלכהס און פּרינצעסינס,
פאַרכישופטע אין דרימל,
וואָס אויפוועקן ס'וועט זיי
נאָר אַ שטערנדל פון הימל.
וועגן שדים און נישט גוטע,
נישט פאַר קיין ייד געדאַכט.
פון פאַרשטעלטע לאַפּיטוטערס,
פון טויזנט און איין נאַכט —
וואָס ס'האָט דער מאַמעס דמיון,
אַליין שוין צוגעטראַכט.

און מיר פלעגן מיד נישט ווערן,
צו די וווּנדער זיך צו צוהערן,
ביז שפּעטע שעה פון נאַכט
האָט פון צויבער אונדז דערוואַכט.

פון די אַלע מעשהלעך נאָר איינע,
וואָס האָט אין זכרון זיך איינגעקריצט,
ווילט זיך מיר אייך, לייענער מיינע,
אין קורצן, דערציילן איצט:

☆

אין די ספרים, אין די הייליקע,
שטייט ערגעץ ווו דאָרט געשריבן,
אַז ווען מ'האָט אונדזער פאָלק
פון לאַנד אין גלות פאַרטריבן,
האָט דער שונא, מיט פלאַם און שווערד,
דאָס לאַנד פאַרברענט, צעשטערט,
אַז חורבות בלויז זענען פאַרבליבן.

דער שלעכטער נייער קייזער,
איז געווען אַ רשע, גאָר אַ בייזער.
ער האָט באַפוילן זיינע חיילות,
זיי זאָלן אין ווייטן גלות
אַלע יידן פון לאַנד פאַרטרייבן
און אָן אַ היים זאָלן זיי בלייבן.
און באַפוילן האָט אויך דער קייזער,
אויפבויען שטעט מיט נייע הייזער,
די ערד פאַראַקערן און פאַרזייען,
די יידן זאָלן ווויסן און אויך זען,
אַז זייער ערד, די צוגעזאָגטע פון גאָט,
איז אונדזער איצט, פון זיין גנאָר,
און אין לאַנד, וואָס זיי האָבן באַקומען,
זיי וועלן קיין מאָל, צוריק נישט קומען.

ווי נאָר דעם רשעס ווערטער-קלאַנגען,
צו די הימלען זענען דערגאַנגען,
איז געוואָרן אַ בהלה אין מלכות של מעלה.

געקומען זענען גלייך מיט אַ הארבע שאלה,
די שומרי ישראל, די געטרייע מלאכים,
צום גרויסן גאָט, דעם מלך מלכי המלכים.

— האר אַלמעכטיקער, גרויסער גאָט,
וואָס דיין יעדערס וואָרט איז הייליק.
דעם פאָלק ישראל דו צוגעזאָגט האָסט,
אַ לאַנד, וואָס אייביק זאָל זיין זיין חלק.

ס'לאַנד, וואָס מיט מילך און האָניק פליסט,
געוואָרן איז פאַרברענט, צעשטערט, פאַרוויסט,
און די יידן פון דאָרט זענען פאַרטריבן.
די חיילות, וועלכע זענען אהין געקומען
און פאַרשוועכן דיין הייליקן נאָמען
זענען אויף שטענדיק דאָרט פאַרבליבן.

ווי אַזוי זשע האָט דאָס געקענט געשען
גאָט, וואָס דיין משפט איז גערעכט,
אַז דיין וואָרט, דיין צוזאָג וואָס געווען,
זאָל ווערן אוים און מיט שפּאָט פאַרשוועכט?

☆

געשריבן אין די ספרים איז ערגעץ דאָרט,
איר וועט וועגן דעם לערנען און הערן,
אַז ווען גאָט געגעבן האָט אַ מאָל זיין וואָרט,
וועט עס אויך הייליק מקוים ווערן.

☆

גאָט, געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען,
נאָך איידער געגעבן ער האָט זיין צוזאָג,
האָט מיט זיין חכמה שוין באַנומען,
אַז קומען עס וועט אַ בייזער טאָג,
ווען יידן פון לאַנד מען וועט פאַרטרייבן
און פרעמדע חיילות וועלן דאָרט פאַרבלייבן.

געזען האָט אויך גאָט מיט זיין ווייטן בליק,
אַז זיינע קינדער קומען וועלן אויך צוריק,
אָבער דער צוריקקער-נס וועט קומען נאָר,
נאָכן סוף פון גלות פון צוויי טויזנט יאָר.

☆

איז פון די הימלען אַראָפּ אַ רעגן שטיינער
און צוגעדעקט דאָס לאַנד פון ראַנד ביז ראַנד.
פון די חיילות נישט פאַרבליבן איז קיינער
און ווי אַ מדבר פאַרוויסט ס׳ליגט דאָס לאַנד.

איצט געקומען איז טאַקע די צייט,
ווען פון נאָענט און פון ווייט,
קומען יידן שוין צוריק אַהיים.
חלוצים יונגע, ווי ריזן-ביימער,
רוימען אָפּ די ערד פון שטיינער.
מיט רידל, ציגל, קאַלך און ליים,
בויען דערפער, שטעט און מויערן.
און עס וועט לאַנג נישט דויערן,

זועט מיט הילף פון גאָטס שכינה,
אויפשטיין אַ נײַ־ייִדישע מדינה.

און די מאַמע האָט ווי שטענדיק,
אַזוי דאָס מעשהלע פאַרענדיקט:
און יעצט קינדער, וועלן מיר אין איינעם,
פאַרן שלאָפן גיין קריאת־שמע לייענען.

✡

איז אַוועק פון יענער צייט,
נישט פולע פערציק יאָר,
און וואָס דאָס מעשהלע דערציילט —
געוואָרן איז אַ וואָר.

בלויער חלום

☆

איך ווייס נישט וואָס דו פאַרמאָגסט אַזוינס,
אַז ביסט מיר אַזוי שטאַרק געפעלן.
כ׳ווייס נאָר, אַז זינט כ׳האָב דיך דערקענט,
מיין האַרץ קלאַפּט מיט אַ ריטעם אַ שנעלן.

כ׳ווייס נישט וואָס אַזוינס איז פאַראַן אין דיר,
וואָס צווינגט אַן אויפהער וועגן דיר צו קלערן.
איך ווייס נאָר, אַז זינט איך האָב דיך דערזען,
פאַרגעסן דיך און בענקען איך קען נישט אויפהערן.

און אָפט מאָל הייבט אָן מיך צו פאַרדריסן,
פאַר וואָס מיין האַרץ מיט דיר איז פול גראָד,
און באַלד עס ווילט זיך, אַז דווקא זאָלסט וויסן,
אין האַרצן פאַר דיר מיין אויסבאַהאַלטענעם סוד.

מאַדאָנע

אויף דער האַרבסטיקער, זוניקער אַלייע
גיין שפּאַצירן, איך האָב זי דערזען,
איינגעהילט אין אַ דין־נעפּלדיקן שאַל.

איר פּנים, אַ ראָז־רונדיקער אָוואַל,
מיט אַ מלאכדיקן שמייכל פֿאַרצויגן.
ווי מאַנדלען, צוויי הימל־בלאָע אויגן,
אין וועלכע עס נעסטן, שלווה און גליק,
צניעותדיק שיקן צו דער ערד דעם בליק.

זי שפּאַצירט אויפֿן שטילן זייטיקן וועג,
גראַציעז, פֿאַמעלעך, מיט געמאָסטענע טריט
און געלע בלעטער פֿון האַרבסטיקע טעג,
פֿאַלן צו אירע פֿיס פֿאַרוועלקטע, פֿאַרבליט.

מיר האָט זיך געדאַכט, כ׳האָב שוין געזען
אַ מאָל די פֿרוי, אויף אַ בילד אין מוזיי.
אַ מאַדאָנע, פֿאַרהילט אין אַ נעפּלדיקן וואַל,
שפּאַצירט זי דאָ איצטער, נאָר אָן אַ ראָמאַל.

זעט אויס, פֿאַרגלוסט עס האָט היינט זיך איר,
אַרויס פֿון דער ראַם און גיין אויף שפּאַציר.

☆

דו האָסט אַ כישוף מיר אָנגעטאָען
מיט דיינע מאַנדל-בלויע אויגן.
אין אַ וועלט, ווו אַלץ טוט בלויען,
כ׳וואָלט ווי אין אַ חלום באַוויגן.

נישטאָ קיין רגע, אין וועלכער כ׳קען,
אַרויסנעמען דיך פון די געדאַנקען.
כ׳האָב נישט אויף פאַר די אויגן זען
דיין פרוי-געשטאַלט, דיין שלאַנקען.

אויף דיין פנים, מיט די ברעמען-פיילן
און דיינע צעשמייכלטע פערל-ציינער,
פון בלויע וועלטן נייע, מיר דערציילן —
און אויסער מיר, פאַרשטייט זיי קיינער.

ווען אַ מאָל

ווען אַ מאָל וועסט קומען מיר אַנטקעגן
אויפן גאַס, אויף מיין שפּאַציר,
העפלעך איך וועל מיין קאָפּ פאַרנייגן.
פריינדלעך באַגריסן זיך מיט דיר.

נאָר מיין האַרץ וועט אַ צאַפּל טאָן אין מיר,
ווי געצאַפּלט עס האָט אַ מאָל,
ווען צוריק מיט לאַנגע יאָרן איך האָב דיך
באַגעגנט צום ערשטן מאָל.

כ׳וועל אַוודאי העפלעך פרעגן,
וועגן דיין געזונט, דיין רו.
אויך אַ קאָמפּלימענט דיר מאַכן,
אַז די אויגן דיינע געבליבן
זענען, ווי די הימלען בלוי.

אַז יינגער, שענער היינט זעסטו אויס.
נאָר ווערטער, וועלכע רייסן זיך פון האַרץ אַרויס,
און צו דיין האַרץ זיי דאַרפן זיך דערטראָגן —
די ווערטער וועט מיין מויל
שוין קיין מאָל דיר נישט זאָגן.

☆

ביסט ווייט פון מיר. איך קען דיך קוים,
און דאָך געוואָרן ביסט מיין טרוים,
מיין חלום אין נעכט ביז גראָען קאַיאָר,
מיין שאָטן ביי טאָג אויף דער וואָר.

אין חלום צו דיר מיינע אָרעמס איך שטרעק
און פליסטער מיט צאַרטקייט דיין נאָמען.
איך ציטער, אַז דער חלום זאָל נישט אוועק,
אַז אפשר אין חלום וועסטו צו מיר קומען.

איך רוף, בעט בײַ דיר זיך מיט מילדקייט:
קום, טרוים מייַנער, קום שנעלער און באַלד.
נאָר מיין רוף צעשווימט גלייך אין דער שטילקייט,
ווי דער עכאָ ביי נאַכט, אין אַ טיף־פינצטערן וואַלד.

מאַטערט דער חלום מיך, אַזוי נאַכט נאָך נאַכט
און אומזיסט רוף איך דיין נאָמען און רוף,
ביז ס׳קומט דער טאָג, איך ווער אויפגעוואַכט,
פון זיסן, אָבער שווערן, קאַשמאַרנדיקן שלאָף.

איך ווייס, אַז דו ווייסט

איך ווייס, אַז דו ווייסט, דאָס איך ליב דיך,
כאָטש געזאָגט כ'האָב דיר קיין מאָל פון דעם.
כ'ווייס, אַז דו ווייסט, דאָס מער ביסטו מיך,
ווען דו זעסט מיך און מאַכסט זיך נישט זען.

איך ווייס, אַז דו ווייסט, דאָס ביסט מיין באַגערטע,
כאָטש איך האַלט זיך פון ווייטנס פון דיר.
איך ווייס, אַז דו ווייסט, דאָס ביסט מיין באַשערטע,
כאָטש טוסט שפּאַסן און אויך לאַכן פון מיר.

איך ווייס, אַז דו ווייסט, דאָס דו האָסט צעשטערט,
אַ גליק, וואָס אונדז ביידן געווען איז באַשערט,
אַז צוליב דיין שפּאַסן און לאַכן יאָר נאָך יאָר,
געוואָרן ביסט מיר נאָר אַ חלום אויף דער וואָר.

☆

דו פאָרסט אַוועק?
טאָ זיי געזונט!
נאָר וויסן דאַרפסט, אַז די עטלעכע טעג,
געלאָזן האָבן אין מיין האַרץ אַ וווּנד.

איצטער ערשט געקומען ביסט צו פאָרן,
און מיר דאַכט זיך אויס, אַז נאָך יאָרן
אָנגעטראָפן האָב איך היינט,
מיין אַלטן, ליבן גוטן-פריינד.

אַזאַ האָב איך בייב באַקענען דיך דאָ געטראָפן
און דיין שיינקייט האָט מיך צו דיר צוגעשמידט.
אָבער פלוצעם ווי געקומען, ביסטו אַנטלאָפן
און געלאָזט מיך מיט אַ נישט-דערזונגען ליד.

☆

דאָס האָסט דו מיין זון פאַרלאָשן,
ווען אַ מאָל, אַ מאָל איך האָב געמיינט,
אַז נאָר פאַר מיר, זי טראָגט איר זוניק לשון,
אַז נאָר פאַר מיר, אַליין זי שיינט.

דאָס האָסט דו אַ וואָלקן אָנגעטראָגן,
און איינגעהילט מיין זון אין אַ טרויער־דעק,
ווען אָן אַ שמייכל און אָן אַ וואָרט צו זאָגן,
ביסט אויף שטענדיק פון מיר אַוועק.

☆

לייג דיינע הענט אויף די אַקסלען מיינע,
און איך וועל מיינע אויף דיינע לייגן.
קוקן איך וועל אין די אויגן דיינע
און זוכן, וואָס טוסטו פאַר מיר פאַרשווייגן.

איך וועל קוקן און דו וועסט שווייגן,
און פון דיינע אויגן, ווי פון שטערן,
אויסלייענען איך וועל און אויסלייגן,
צי באַנעמסטו מיין ליבע און באַגערן.

איך וועל אַריינקוקן אין דיינע אויגן
און זוכן אין דיין זוניק קלאָרן בליק,
צי קען איך האָפן, צי דאַרף איך גלויבן,
אַז געפונען אין דיר כ'האָב מיין גליק.

פון שמייכל אין דיין אויג-שוואַרצאַפּל,
איך וויל, אַז עס זאָל קלאָר מיר ווערן,
צי איז דיר טייער מיין האַרץ-צאַפּל,
צי ווילסטו מיין חלום גאָר צעשטערן.

☆

אַז אַ טאָג איך טו דיך נישט זען,
ווערט מיר אומעטיק אויפֿן האַרצן.
עפּעס דאַכט זיך, אַז אָפּגעשטעלט,
עס האָט דאָס לעבן זיך אין גאַנצן.

אַז דער ים, מיט זיינע וואַסערן
האָט אויפֿגעהערט צו ברויזן.
אַז פֿאַרוויאַנעט אַרום מיר ווערן
אַלע צאַרטע רויזן.

און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז אַלץ אַרום,
האָט אויפֿגעהערט וואַקסן און בליִען.
און אַז דער טאָג און זיינע שעהען,
ווי אַן אייביקייט זיך ציִען.

דעם טאָג, וואָס כ׳זע דיך נישט,
טוט די זון פֿאַר מיר נישט שיינען.
ס׳נאָגט אַ טרויער און אַ בענקעניש —
און מיין האַרץ שטיל טוט וויינען.

נישט מיט ווערטער, נאָר מיט שווייגן

איך וויל רעדן צו דיר היינט,
נישט מיט ווערטער, נאָר מיט שווייגן.
די רייד פון שווייגן וועסט באַנעמען,
ווען ס׳אויער וועסט צו מיין האַרץ צולייגן.

און דערציילן וועט דאָס האַרץ דיר,
ווי מיין ליבע צו דיר איז גרויס.
אַז מיין וואָר און אויך מיין חלום,
פול מיט דיר איז, מיט דיר בלויז.

און פון האַרץ מיינס וועסטו הערן,
ווי נישט איין מאָל ס׳ווייגט מיט טרערן,
ווי ביז די שפּעטע שעהען פון דער נאַכט,
פון בענקעניש צו דיר עס וואַכט.

אויך הערן וועסט פון גליק און פרייד,
ווען מיר זענען זאַלבעצווייט —
און ווי ס׳פיבערט און ווערט פאַרגליווערט
אַז אַ טאָג קען קומען פון צעשייד.

וווּ ביסטו?

וווּ ביסטו מיין חלום, פון די נעכט און די טעג?
צי ביסטו וווּ נאָענט, צי גאָר ווייט ביסט אַוועק?
צי שפּילסטו אַ ברוגז, אַ קינדעריש זיך בלאָזן?
און אפשר גאָר אויף אַן אמת דו האָסט מיך פאַרלאָזן?

דו האָסט דאָך מיין הארץ מיט דיינעם פאַרבונדן,
געשווירן, אויף שטענדיק נאָר מיר ועסט געהערן,
און פּלוצעם, אַן אַ זיי געזונט ביסטו פאַרשוווּנדן.
טאָ וווּ איז דיין צוזאָג און וואָס מיטן שווערן?

כ׳זע דיך כסדר, אויך ווען כ׳שלים מיינע אויגן.
עס האָט מיין בלוט אין זיך דיך איינגעזויגן.
איז שווער מיר צו קענען דיין שריט באַנעמען
און שווערער צו גלויבן, אַז איך האָב דיך פאַרלוירן.

וווּ ביסטו? אַנטפלעק זיך און האַלט נישט אין קעלם.
און אויב כ׳טראָג די שולד, פאַר דעם וואָס איז געשען,
זאָגן כ׳וועל דיר, מיט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזענער ברעם,
כ׳בין שולדיק! — און ווי פריינד, מיר וועלן זיך צעגיין.

בלויער חלום

מיט אַ חלום אַ בלויען כ׳האָב אַ לעבן אָפּגעלעבט.
דער חלום, דאָס זענען דיינע בלויע אויגן געווען.
מיט זיי איך האָב אין בלויע הימלען געשוועבט
און אַלץ אַרום מיר האָב איך אין בלויען געזען.

געזען דיך, ווי אַ מלאך, אויפן הימל דעם בלויען,
מיט בלויע, ברייט-צעשפּרייטע פליגלען אַ פּאָר.
אויף דעם קאָפּ, ווי אַ בת-מלכה, אַ קרוין אָנגעטאָן,
געפלאָכטן, פון דיינע לאַנגע גאָלד-בלאָנדע האָר.

און פול זענען געווען מיט בלוי מיינע טעג,
אין חלום געזוכט כ׳האָב, צו געפינען מיין גליק.
דיינע אויגן בלויע ,זענען געווען מיין פאַרמעג,
אַ דימענט מיר געווען יעדער בלויער דיין בליק.

אָבער אַ חלום אין לעבן איז אַ שוואַכער אָנשפּאַר
און דער טרוימער, ער בלייבט דער אייביקער נאַר.
נאָר דער חלום וועגן דיר מיין לעבן גיט צו חן,
כאָטש כ׳ווייס, אַז קיין מאָל וועסט מיינע נישט זיין.

איך ווייס, אַז דער חלום אַ מיראַזש ער איז נאָר,
פאַר מיר נאָר, דער חלום איז אויכעט אַ וואָר,
אין וועלכן איך לעב און וויל אים אויך גלויבן.
ווייל נאָר אין חלום כ׳קען קושן, די בלויע דיינע אויגן.

קאעקזיסטענץ

קאַעקזיסטענץ?

האַט אַן עמער וואַסער מיט מילך אַ קריג
אין שוויגערס הויז געפירט אַ קריג.

פרעגט דאָס וואַסער די מילך מיט שפּאַס,
וואָס אָנגעפראַפּט ער איז פול מיט כעס:

— זאָג זשע נאָר „ווייסע”, ווער ביסטו דאָס,
וואָס הויך אַזוי פאַררייסט דיין נאָז?

קעגן וואַסער ווילסט זיך האַלטן גרויס,
ווען אָן וואַסער ביסט זויערמילך בלויז?

ווייסט, אַז מען וויל פון דיין טעם געניסן,
מוז מען וואַסער אין דיר איינגיסן?

אָן מיר, וואַסער, האָבט דאָך נישט קיין ווערט!
נישט איין מאָל האָסט שוין דאָס געהערט!

☆

— אָך דו וואַסער וואַסערוק!
דו וואַסערדיקע בריאה!
צו מילך גלייכן ווילסטו זיך,
דו שמוציקע פּאַמייע?

ווער ביסטו אזוינס, דו איינער,
דו וואסערוק געמיינער,
וואס צום געטראנק דעם רייכן,
ביסטו געקומען זיך פארגלייכן?

דו, וואס פול מיט דיר זענען אלע טעפ,
דו, וואס מיט דיר מען וואשט פארכאטע קעפ,
דו, וואס אין רינשטאקן שמוציקע דו פליסט,
וואס צו אשר־יצר די פינגער מען באגיסט,
וואס קאטשערעס מען נעצט איין אין דיר, —
דו קומסט זיך גלייכן גאר צו מיר?

אוי דו כליאפ, כליאפ, כליאפאשן!
דו כליאפ אן עמער פאר א גראשן!
פאר מיר מען צאלט מיט אברייטער האנט!
איך בין דאך מילך, איך בין דאך שמאנט!

☆

ענטפערט דאס וואסער מיט א געלעכטער:
— כא! דאס בין איך דאך דער גערעכטער!

אמת! איך בין פול אין יעדן טאפ,
דו ווייסע גאווהניק.
פראביר זשע טאקע אן מיין טראפ
קאכן א טאפ מיט גריץ?

אמת! צו אשר־יצר מוז איך טאקע זיין,
טא זאג, צי קען מען אן מיר ווערן ריין?

און ווען חלילה איך בין נישט דאָרט,
צי קען מען זאָגן אַ הייליק וואָרט?

און אַז אויך מען נעצט די קאַטשערעס אין מיר,
טאָ וואָס איז ס׳וווּנדער אַזוי גרויס ביי דיר?
דערפאַר דאָס ברויט עס איז דאָך ריין
דאָס זאַמד נישט סקריפּעט אין די ציין.

נישט בחינם האָבן פיינע לייט
צו מיין גרויסן נאָמען מים,
צוגעקלעפּט אַ יחוס-נאָמען
און מען רופט מיך מים-חיים!

☆

שוין אָן כעס און שוין מער מיט לאַכן,
פּרוּווט די מילך זיך גרויס נאָך מאַכן:

— נאַריש פלאַפּלדיקער וואַסערוק.
זיי נישט בלינד, נאָר גיב אַ קוק.

פאַר געלט פאַרקויפט דער שוויגער מיך,
טאָ ווער איז אים מפרנס, אויב נישט איך?

איבער מיך ער ציטערט, איבער יעדן טראָפּ —
נישט פאַלן ער זאָל חלילה נעבן ראַנד פון טאָפּ.

☆

— אוי ווי! איך גיי חלשן! אַ בראָך!
די פּרנסה גיב איך דעם שוויגער דאַך!
פון דיר אַליין וואָלט ער לאַנג געגאַנגען איבער הייזער!
צוליב דעם וואַסער אין דער מילך לעבט ער ווי אַ קייזער!

☆

דער שוויגער, וואָס האָט נישט געהערט
דאָס קריגערײַ, דאָס שטילע,
האָט אַ נעם געטאָן דעם עמער וואַסער
מורמלענדיק דאַבײַ אַ תּפילה
און כליופּ אַרײַן מיט אַ גרויסן הילך
דאָס וואַסער אין דעם קאַן מיט מילך.

☆

— און איצט קען מען גיין צו לײַטן!
האָט אויסגעשריגן, דאָס וואַסער
מיט אַ געלעכטער מיט אַ ברייטן.

די מויז און די פלעדערמויז

ס'איז אַ מייזעלע, אַ קליינשיקס נאָך,
ס'ערשטע מאָל אַרויס פונעם מויזנלאָך,
און ווי נאָר דאָס מייזעלע איז אַרויס,
דערזען האָט עס מיט וווּנדער גרויס,
ווי עס פליט אַרום אים אַ פלעדערמויז.

שרייט מיט פאַרשטיקטן אָטעם אויס,
דאָס מייזעלע צו איר מאַמע, מאַמע־מויז:
— זע נאָר, זע! דאָס פליט דעם מלאך מן הסתמא,
וועגן וועלכן דערציילט דו האָסט מיר, מאַמע!

אַ לעזער אַ בייזער צום דיכטער ר׳ לייזער

איך ווער אַ מידער און אַ בייזער,
ווען כ׳לעז די לידער דײַנע, לייזער.

איך זוך אַן אינהאַלט אין די לידער,
אַ מחשבה אַ קלאָרע זוך איך דאָרט.
און וואָס געפין איך? אַ צערודער.
איך פאַרשטיי נישט דאָרט קיין וואָרט.

איך בין דיך חושד, ליבער ברודער —
און דאָס פאַרגרעסערט נאָך מײַן צער —
אַליין פאַרשטייסט נישט דײַנע לידער
און מאַכסט דעם עולם נאָר צו נאַר.

ווער זשע איין מאָל דו דער בייזער:
לייען אַ ליד, אין דײַן נוסח, לייזער —
אָן אַ מיין, אָן אַ ריח און אָן אַ טעם,
פוסט און ליידיק, נאָר גאָרער גראַם.

און גאָט האָט זיין פּעלער פאַרראָכטן

ווען דער באַשעפער האָט די וועלט באַשאַפן
און עס האָט זיך אים געדאַכט,
אַז ער האָט שוין אויף דעם וועלטל זיינעם,
אַליץ אין אָרדענונג געבראַכט —

ז׳געקומען צו אים פּלוצלינג,
אַזוי אין גאַנצן אומעגריכט,
מיט וויטאָגן און טענות,
די טונקל־שוואַרצע נאַכט.

גאָט באַשעפער! דו איינציקער,
וואָס דיין משפּט איז גערעכט.
ביסט מיט מיר, טראָץ דיין צדק,
באַגאַנגען זיך, גאָר־גאָר שלעכט.

איז דאָס ריכטיק, גאָט פון צדק,
און דאָס איז אויך דיין רעכט,
מ׳זאָל זיך פרייען מיט דעם טאָג
און זיך שרעקן פאַר די נעכט?

האָסט דעם טאָג געשענקט דאָס ליכט,
וואָס טראָגט פרייד פון עק צו עק,
און מיר — די נאַכט, די פינצטערניש,
וואָס יעדערן טראָג אָן אַ שרעק?

האָסט דעם טאָג געשענקט די זון,
וואָס שיינט און וועקט צום לעבן,
און אַ לבנה, וואָס קוים זי שיינט,
האָסט דו, גרויסער, מיר געגעבן?

און ווען די מענטשן, אין שיין פון טאָג,
טוּען תפילה דיר, באַשאַפער,
איז אין שאָטן פון דער נאַכט,
ווערן זיי פאַרברעכער?

האָט דער בורא, דער צדיק־צדקים,
איינגעזען זיין פעלער,
און גענומען מיט אַלע כלים,
פאַרריכטן אים וואָס שנעלער.

ער האָט פון אוצר אַרויסגענומען,
אַ באַשעפעניש אַ פּראַכט
און שנעל באַהאַפטן אָט דעם אוצר,
מיט דער פינצטערניש פון נאַכט.

און דער נאָמען, פון דעם באַשעפעניש,
איז אויף יידיש לשון — ליבע.
זינט דעמאָלט האָבן אויפגעהערט
די נעכט צו זיין שוין טריבע.

פון יענער צייט, ווען ס'האָט גאָט
דעם פעלער זיינעם נאָר פאַררעכט,
פרייט דער מענטש זיך מיט דעם טאָג
און בענקען בענקט ער נאָך די נעכט.

און אַז דער ווינטער איז פאַרביי

האָט דער באַשעפער אַ יאָר באַשאַפן
און צעפּעהלט עס אין פיר.
פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער,
די פערטלעך רופן מיר.

ווי סימבאָלן זענען זיי,
די נעמען פון די פערטל־יאָרן,
וואָס פּאַסן זיך צום מענטשנס לעבן
פון טאָג פון זיין געבוירן.

פרילינג — די שיינע קינדער יאָרן,
מיט חלומות און דמיונות רייך,
אַז מיר זענען מיט מלכים
און גיבורים גלייך.

זומער — די צייט פון אונדזער יוגנט,
פול מיט קראַפט און גלויבן,
ווען מיר קוקן אין די הימלען,
הויך דעם קאָפּ געהויבן.

האַרבסט — די יוגנט איז פאַריבער.
געקומען איז די אָסיען־צייט.
דער מענטש, ער קלויבט די פרוכט,
וואָס פאַר זיך ער האָט פאַרזייט.

ווינטער — מיינט די זקנה־צייט.
געוואָרן דער מענטש איז אַלט.
אַלץ אַרום שלאָפט שוין איין,
אַלץ ווערט גראָ און קאַלט.

☆

זעט איר, פריינד, אַז זיין גענאָד,
דרייט די יאָרן, ווי מיט אַ ראָד.
נאָך דעם פרילינג וועט זומער גיין,
האַרבסט און ווינטער וועט אייביק זיין.

אַנדערש איז ביים מענטש דאָס לעבן.
דאָס לעבן האָט זיין עק.
נאָר וואָס געווען אַ שיינער פרילינג —
און שוין דער ווינטער איז אַוועק.

און אַז דער ווינטער איז פאַרביי,
אַך! ווי דאָס איז שווער.
ביי די מענטשן, נאָך אַ ווינטער,
קומט קיין פרילינג מער.

ווער איז גערעכט?

אַן אפּאַריזם אַ חנעוודיקער
איז מיר געקומען אויף מיין זינען.
ער שטאַמט, איך גלויב, פון אינדיע,
און אפשר אויכעט גאָר פון כינע —
איך קען נישט זאָגן אייך געניי —
און לייענען לייענט ער זיך אַזוי:

„אַ פרוי זאָלסט נישט שלאָגן, אַפילו מיט אַ בלום.
מען טאָר נישט! דו האָסט צו דעם קיין רעכט!
צו שאַנד און צו שפּאָט ווערסטו ווערן ביים אָרום.
אַ פרוי נישט שלאָגן זאָלסט, אַפילו מיט אַ בלום".

דער אַפּאָריזם איז אַן איידעלער, שיין און קלוג,
אָבער נישט דערזאָגט געוואָרן ער איז גענוג.
און כאָטש אַ פאָלקסזאָג דאַרף מען נישט פאַררעכטן,
וויל זיך דעם אָט דאָ, וויטער ציען, פלעכטן:

„אַ פרוי, אַפילו מיט אַ בלום זאָלסט נישט שלאָגן!
מען טאָר דאָס נישט, האָסט צו דעם קיין רעכט,
ווען זי איז אַ מאָל אויך נישט צום פאַרטראָגן.
אַ פרוי קיין מאָל באַהאַנדלען זאָלסט נישט שלעכט.

אַ פרוי זאָלסט, אַפילו מיט אַ בלום, נישט שלאָגן.
מען טאָר דאָס נישט! דו האָסט צו דעם קיין רעכט!
ווילסט, זי זאָל דיר צערטלעכקייט צוטראָגן —
זיי גוט צו איר, אויך ווען זי איז נישט גערעכט.

☆

ווען דער לעצטער אות אין דעם ליד,
פון טינט געווען איז נאָך אַ נאַסער,
און שלווהדיק געווען איז ס׳געמיט,
ווייל דער מיין, איז דאָך אַ גערעכטער,
האָב איך פּלוצלינג דערהערט די שטים,
פון דעם לץ, דעם לעגענדאַרן שפּאַסער,
ווי ער פּליסטערט אין אויער מיר,
מיט אַ שטיל, לצנותדיק געלעכטער:

„אַ פרוי — מיט אַ בלום דו זאָלסט נישט שלאָגן,
צו דעם באַשאַפן געוואָרן איז דאָך דער שטעקן.
וועסטו אַלץ פאַרשווייגן, אָן אַ וואָרט צו זאָגן —
שנעלער ווי דו קלערסט די ערד וועט דיך צודעקן”.

אַ שמועס

איז אַ מאָל, אין די הימלען, זיך אַ מעשה פאַרלאָפן,
אַז דער יצר טוב מיטן יצר הרע זיך האָבן געטראָפן,
און ווי דאָס צווישן צוויי אַלטע קאָלעגן פאַסירט,
זיי האָבן צווישן זיך געמיטלעך אַ שמועס פאַרפירט.

פרעגט דער יצר טוב, אַזוי נישט דיר און נישט מיר:
— ווי גייען די געשעפטן, קאָלעגע מיינער, ביי דיר?

— אוי שלעכט! — ענטפערט דער יצר הרע,
כמעט מיט געוויין —
ווען די געשעפטן נאָך ווייטער זיי וועלן אַזוי גיין,
וועל איך, חלילה, פון צער און פון הונגער אויסגיין.

— פאַר וואָס שלעכט? פרעגט דער יצר טוב פאַרווּנדערט —
ווען אויף יעדער שטיקל עבֿרה פאַראַן בעלנים הונדערט,
דאַרפסט דאָך, אַ דאַנק גאָט, האָבן פרנסה ברווח,
און אַנשטאָט זיין צופרידן, באַקלאָגסט זיך גאָר נאָך?

— יאָ קאָלעגע טייערער, אַזוי דאַכט זיך דיר נאָר אויס.
אָבער ווען צו מיין אַרבעט אין גאַס איך גיי אַרויס
און וויל אָנרעדן אַ מענטש צו אַן עבֿרהלע אַ קליינס,
ווייזט זיך אַרויס, אַז צו מיין טירחה איז אויס,
ווייל ער האָט שוין געזינדיקט, שוין אָפּגעטאָן זיינס.

גמילת חסדים

דער שטעטלשער גביר האָט פאַר ישיבה־לייט
יעדן ערב ראש השנה צדקה־געלט צעטיילט.

אין שטעטל איז אַן אָרמער ייד געווען,
האָט ער דעם גביר, די מצווה מקנא געווען,
גענומען קלערן, ווי עולם־הבא זיך פאַרשאַפן,
ביי דעם אין הימל, וואָס די וועלט האָט באַשאַפן.

געקלערט און געפונען: גענומען גלייך דעם שטעקן
און פאַר זיין פאַרמעג געקויפט טאַבאַק צו שמעקן.
אָנגעפילט אַ טאַבאַק־פושקעלע מיט טאַבאַק ביז פול
און געגעבן דעם עולם שמעקן ביים דאַווענען אין שול.

די מצווה גמילת חסדים, האָט זיך געפילט געטראָפן
און שנעל צום רבונו של עולם מיט אַ טענה געלאָפן:

— אויף תורה, עבודה און גמילות חסדים אין נויט,
איז דאָך, גרויסער באַשעפער, דיין וועלטל געבויט,
טאָ זאָג זשע מיר, גאָט, ווו איז איצט דיין יושר,
אַז ווען גמילת חסדים ס׳האָט געגעבן דער עושר,
האָט אָפגעפטערט מיך, דער שנאָר־קבצנישער שנעק,
מיט צווישן צוויי פינגער פאַר אַ גראָשן אַ שמעק?

— זיי רויק, מיין קינד, האָט געענטפערט איר גאָט – דאָס לערנען, גמילות חסד, א קלענערן ווערט האָט, ווי דאָס ביסעלע טאַבאַק, וואָס געגעבן צום שמעקן דעם עולם ביים דאַוונען האָט דער קבצן מיטן שטעקן.

דער הונט און די טויב

האָט אַ הונט זיך שטאַרק צעבייזערט,
אויסגעשטשירעט די ציין,
ווען ער האָט אַ טייבעלע
אין דער נאָענט פון זיך דערזען.

פרעגט די טויב דעם הונט דעם בייזן:
— וואָס בילסטו, הונט, דו קנעכט?
ווייסט דו דען נישט, שלעכטער איינער,
אַז אַ טויב, טוט נישט קיין שלעכט?

ווייסטו דען נישט, אַז די טויב
באַשאַפן איז פון גאָט,
אַז זי זאָל דעם שלום טראָגן,
ווי אַ גאָטס געבאָט?

ענטפערט איר דער הונט דער בייזער:
— איך ווייס, דו ביסט גערעכט.
שלום טראָגן איז דיין אַרבעט,
אָבער בילן איז מיין רעכט.

דער בער און דער מיסיאָנער

עס האָט אַ מיסיאָנער
אין וואַלד באַגעגנט
אַ הונגעריקן בער.

דערזעענדיק דעם בער,
איז דער מיסיאָנער
געפאַלן אויף די קני
און מיט פחד און מי,
מיט אַ שטים אַ שטילע,
געשעפּטשעט אַ תפילה.

„גאָט, דו מיין טרייסט,
מיין תפילה אויסהער!
דיין הייליקער גייסט,
אַריין זאָל אינעם בער".

ווען נאָר אינעם בער
דער גייסט אַריין איז,
גלייך געשטעלט ר'האָט זיך
אויף די הינטערשטע פיס
און מיט אַ געוואָי אַ שטילן
צו גאָט געברומט אַזאַ תפילה:

„איך וועל דיין גנאָד דיר נישט פאַרגעסן.
ווען געהאַט כ׳האָב נישט וואָס צו פרעסן,
האָט דיין געטלעך־רחמנותדיק געוויסן,
מיר געשיקט אַזאַ פעטן, גוטן, ביסן.

דער סקאָרפּיאָן און די זשאַבע

עס איז פון מיין מעשהלע דער העלד
אויף אַ שפּאַציר אַ מאָל אַרויס אין פעלד.
און דער העלד פון אָט מיין משהלע
האָט ליב צו געבן אַ גיפטיק-בייסעלע.
און פונעם קעפּל, ווי שוין איר ווייסט,
איז׳ם אַ שרץ, וואָס „סקאָרפּיאָן״ ער הייסט.

קריכט ער, גייט ער און שפּאַצירט
ביז דער וועג האָט אים דערפירט
צו אַ פליסנדיק טייכעלעם אַ ברעג,
וואָס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

און אַ סקאָרפּיאָן, ער קען נישט שווימען.
שטייט ער און קלערט: ווער קען קומען,
העלפן צום צווייטן ברעג אַריבערשווימען,
אַהין, ווו ס׳כישופט דער דופט פון בלומען?

פּלוצלינג האָט דער סקאָרפּיאָן דערזען
אויפן צווייטן ברעג אַ זשאַבע שטיין,
און אירע זשאַביש-אויסגעגלאָצטע בליקן,
אויף אים מיט אַ גרויליקן פּחד קוקן.

— וואָס טוסטו, ליבע זשאַבעלע, אַזוי מיט פּחד קוקן?
האָסטו שיינע אייגעלעך, טאָ גיב צו מיר אַ שמייכל.

נעם מיך טייערינקע, ארויף אויף דיין גלאטן רוקן,
און צוזאמען וועלן מיר אריבערשווימען ס׳טייכל.

אט אזוי, האט דער סקארפיאן, מיט א שטימעלע א זיסער,
פארפירט דאס זשאבעלע, מיט אן אפנאר־שפיל א מיאוסער.

— קווא, קווא, קווא! — רעכאטשעט די זשאבע אויס
אין לאכן —
א בים מיט סם ביסטו אויסן, כ׳קען שוין די אלע זאכן.
ביסט א כיטראק, סקארפיאנעלע, דו כיטרע־נאריש פנים.
כ׳וועל מיט דיר נישט שווימען, אנדערע זוך נאראנים.

מיט א מער זים שטימעלע דער כיטראק האט אנגעהויבן
ביי דער זשאבע בעטן, איבערצייגן, אז זי זאל גלויבן,
אז פאר איר ער איז גרייט אוועקשענקען זיין לעבן,
און אויף דעם גרייט ער איז א שבועה איר צו געבן.

די זשאבע האט געגלויבט, די שבועה זיינע אנגענומען,
און זי איז גלייך צום סקארפיאן טאקע צוגעשוווּמען,
אוועקגעזעצט אים אויפן רוקן, אן פחד און אן שרעק,
און אין צווייען צוגעשוווּמען ביזן צווייטן ברעג.

ווי נאר דער סקארפיאן פון רוקן אראפגעקראכן איז —
און שוין איינגעקלעמט אין די קלעשטשענדיקע פיס
ער האלט די זשאבע, צו געבן איר דעם מימתדיקן בים
מיטן סם, וואס ער שפריצט פון זיין שפיזנדיקן עק.

— גערוואַלד ! — רעכאַטשעט אוים די זשאַבע,
מיט גרוים שרעק —
נישט טאָן מיר שלעכטס האָסטו נאָר וואָס געשווירן.

— גערעכט ביסט דו, זשאַבינקע, איך האָב טאַקע
דיר געשווירן.
אָבער אַ סקאָרפּיאָן, דאַרפסטו אויך קיין מאָל נישט גלויבן.
לאַנג הערן שוין געדאַרפט האָבן דיינע אויערן,
אַז אַ צווייפּנימדיקער ווערט אַ סקאָרפּיאָן געבוירן.

דער אומגליקלעכער

(לויט טאָלסטאָי)

עס האָט אַ מאָל אַ האָז,
קייענדיק דאָס גראָז,
אָנגעהויבן מחשבות שפּינען,
אַז ס׳לעבן האָט קיין זינען,
אַז לעבן ס׳איז אים שווער,
אויסהאַלטן ער קען נישט מער,
אַז מיאוס איז שוין אַזאַ לעבן,
וואָס נאָר אים האָט גאָט געגעבן.

און פֿראַבירט אים וואָס צו פֿרעגן,
האָט ער טענות אַ פֿאַרמעגן:

— אַלע חיות אויף מיר שלעכט קוקן,
נאָר מיך, וויל יעדערער פֿאַרצוקן.
און אויך דער מענטש, דער יעגער,
וואָס מיט אַ ביקס שיסן מעג ער,
נאָך מער ס׳לעבן מיר פֿאַרמיאוסט
און נאָר צו מיר צום מערסטן שיסט.
אַזוי פֿיל חיות דער וואַלד פֿאַרמאָגט,
און קיינעם אַזוי, ווי מיך, ער יאָגט.
אַ גוטן מיטאָג ווען ער האָבן זאָל,
צוויי האָזן כאַפּט ער מיט אַ מאָל.

כסדר איך מוז זיך אויסבאַהאַלטן,
עס איז נישט מער שוין אויסצוהאַלטן..
זעט אויס, פון גאָט שוין אַזאַ סדר,
אַז אַ האָז רודפן מעג יעדער.
צו דעם, די ליידן פון היץ און קעלט.
נישט ווערט מיר לעבן אויף דער וועלט.

אַזוי פאַריאושט איז זי גלייך,
אַוועק זיך טרענקען אינעם טייך.

יעדער ברעג פון יעדן טייך,
איז מיט זשאַבעס פול און רייך.
פון נישט האָבן וואָס צו טוען,
ליגן זיי דאָרט און זיי רוען.
ווען דער האָז איז אָנגעקומען,
האָט זיי אַ פחד אַרומגענומען
און אַלע זענען פון גרויס שרעק,
אין דער גאַנצער לענג פון ברעג,
אַריין אין וואַסער און צעשווומען.

דער האָז, ער האָט זיך אָפגעשטעלט,
דערזעענדיק, אַז אויף דער וועלט,
פאַראַן עס זענען אַזעלכע בריות,
וועלכע האָבן פ אַ ר א י ם גאָר מורא.
טאָ פאַר וואָס באַפאַלט אים אַ מרה־שחורה?
האָט חרטה דער האָז געקראָגן
און אָנגעהויבן אַזוי צו זאָגן:

— כ׳וועל זיך מער שוין נישט באַקלאָגן
און פון לעבן נאָך גוטס דערוואַרטן.
צום שטאַרבן נישטאָ זיך וואָס צו יאָגן,
איך וועל אַ ביסעלע נאָך וואַרטן.

פון דעם מעשהלע דער זין ?
זע אויך די ערד —
נישט נאָר די זון.